

גליון שמ"ב

# נקדישך

חג הפסח תשפ"ד לפ"ק

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

עֹשֶׂה גְדֹלוֹת עַד אֵין חֵקֶר וְנִפְלָאוֹת עַד אֵין מִסְפָּר:

# "רבש"ע, אויב איך מעג בעטן אז איך זאל 'נאך היינט' הערן עפּעס א גוטע בשורה איבער מיין טאַטנ'ס מצב!"...

**לכבוד מערכת גליון הקדוש "נקדישך".**

"היום באתי"! איך האב פאר אייך א מעשה, וואס האט היינט פאסירט! דאָס איז אַ מעשה וואס איך האב געהערט פונעם בחור אליין, דער בעל הסיפּור, און היות איר זענט מזכה אַזויפיל טויזנטער אידן מיט די אַלע סיפּורי הישועות, וויל איך עס אייך דאָ איבערגעבן איר זאָלט עס קענען מפרסם זיין.

א געוויסע ישיבה פון דא אין ניו יארק, איז געפארן דעם היינטיגן מיטוואך פ' תזריע, ב' ניסן, אויף א נסיעה לרגל דעם סיום הזמן קיין באפעלאו צום גרויסן צדיק הפלא וואָס ליגט דאָרט הגה"ק רבי אליהו יוסף בן גדלי' אהרן ראבינאוויטש זצוק"ל, וואס כידוע זעען דארט מענטשן גרויסע ישועות.

די ישיבה איז געווען דאָרט ביים ציון אין באָפעלאָו לערך צען אַזייגער אינדערפרי, און צווישן די בחורי חמד איז געווען דארט א בחור וואס זיין טאטע האט ל"ע יענע מחלה. ער מוטשעט זיך שוין דערמיט א לענגערע תקופה, מיט ביטערע יסורים. דער מצב איז ליידער געווען זייער שווער, און די גאַנצע משפּחה איז צעבראָכן אויף שאַרבענעס.

אצינד, זייענדיג אויפ'ן ציון הקדוש, האָט ער זיך מקבל געווען דארט ביים צדיק, אז ער וועט פאר פערציג טעג נישט רעדן ביים דאווענען. און לפי תומו האט ער געבעטן אַ הייסע תפלה ביים הייליגן באַשעפער: "רבונו של עולם, אויב איך מעג בעטן אז בזכות פון מיין קבלה וואס קומט מיר נישט אן אזוי גרינג, זאל איך "נאך היינט" הערן עפּעס א גוטע בשורה איבער מיין טאַטנ'ס מצב!"

דאס איז געווען צען אַזייגער אינדערפרי.

פינף נאכמיטאג, זייענדיג אויפ'ן באָס, באקומט ער א טעלעפאן קאָל פון זיין טאַטן - וואס האט קיין אהנונג געהאט פון זיין קבלה און בקשה - און דער טאטע הייבט אהן די שמועס מיט אט דעם לשון: "איך האב פאר דיר ב"ה גוטע נייעס צו דערציילן!"...

– גוטע נייעס?! וואָס איז?

דערציילט אים דער טאַטע, אַז היינט, גייענדיג נעמען די ביטערע כימאָו טערעפּי, האט אים דער דאקטאר אונטערגעזוכט צו זען וויפיל כימאָו ער דארף באקומען, און דער דאָקטאָר האט אים געמאלדן אז ב"ה דער געוויקס האט אנגעהויבן צו שרינקען!

און דער דאָקטאָר האָט אים איינגעמאָלדן, אַז פון היינט און ווייטער וועט די כימאָ זיין אסאך שוואכער, און וועט אויך האבן אסאך וויניגער סייד אפעקטס!!!

ברוך ה', ברוך ה'! דער בחור איז געווען אַזוי מין גליקליך, אַזוי מין פרייליך, אַזוי נתרגש, אַז ממש נישט פּשוט! אזא מין זאך?! ממש באותו יום האט שוין אויפגעטון די קבלה. ס'איז פּשוט אין לשער!

איך האב מיטגעהאלטן די מעשה ממש פון דערנאנט - געהערט פונעם בחור אליין, און איך בין מעיד אויף יעדעס איינציגסטע וואָרט!

דער רבוש"ע זאל העלפן, אַז בזכות פון מפרסם זיין די קבלה און בזכות די ישועה וואס מ'האט שוין געזען, זאל דער טאטע האבן א רפואה שלימה. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל הערן אַלעמאָל בלויז בשורות טובות ישועות ונחמות.

•

בנוסף צו דער מעשה, דערמאן איך זיך וואס איך האב אליין מיטגעהאלטן אין משפּחה א ישועה אין

«

## כְּדָבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

### מלפנים ממצרים גאלתנו... ומחלים רעים ונאמנים דליתנו

**די** גמרא (ע"ז נה.) דרש'נט אויפ'ן פסוק (דברים כח, נט) 'וחלים רעים ונאמנים' - 'רעים בשליחותן ונאמנים בשבועתן'. אוודאי גייט די דרש ארויף בלויז אויף די אומות העולם, ווייל אידישע קינדער מיט זייער כח התפלה זענען בכח אפצוהאלטן די אלע שווערע קרענק. די ראי' דערצו איז פון דעם וואס מיר זענען ארויס פון מצרים פאר דער צייט דורכ'ן כח התפלה, ווי עס שטייט אין פסוק 'ויאנחו בני ישראל אל האלקים מן העבודה'.

דאס איז פשט: 'מלפנים', נאך איידער עס איז געקומען די באשטימטע צייט, 'ממצרים גאלתנו', האסטו אונז אויסגעלייזט פון מצרים מיט די כח פון תפלה, און פון דעם ווייסן מיר אז 'ומחלים רעים ונאמנים דליתנו', אז עס איז נישט שייך ביי אונז 'נאמנים בשליחותן', ווייל מיט'ן כח התפלה קענען מיר מבטל זיין אלע גזירות.

(מהר"י מבעלזא)

### אז ישיר משה... ויאמרו לאמר

**דער** אלשי"ך הק' זאגט, אז דעריבער זאגט מען דעם פסוק 'ה' שפתי תפתח' איידער מען שטעלט זיך דאווענען, ווייל ווען א מענטש איז זיך מתבונן פאר וועמען ער שטייט, פאלט אויף אים א פחד און ער קען זיך נישט עפענען דאס מויל פאר גרויס מורא און בושה. דערפאר בעט מען אז דער באשעפער זאל אונז געבן כח מתפלל צו זיין. דערמיט טייטשט ער דעם פסוק "ואתחנן אל ה' בעת ההוא" - משה רבינו האט געבעטן אז "לאמר", ער זאל האבן די מעגליכקייט צו קענען מתפלל זיין.

דאס איז טייטש "אז ישיר משה ובני ישראל", ווי רש"י זאגט: "עלה בלבם שישירו", זיי האבן געוואלט זינגען שירה, נאר פאר גרויס פחד האבן זיי נישט געקענט דאס ארויסברענגען. דעריבער "ויאמרו", האבן זיי צוערשט געבעטן, "לאמר", אז זיי זאלן האבן די מעגליכקייט צו זאגן שירה.

(ייטב לב)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

מרן רבי **שמואל הלוי וואזנער** זצ"ל
בעל שבט הלוי
נפ' ט"ו ניסן תשע"ה לפ"ק

**"אֲנִי בָטוּחַ שֶׁאִם כְּלַל יִשְׂרָאֵל יְקַבְּלוּ עֲלֵיהֶם שֶׁלֹּא לְדַבֵּר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְעַכָ"פ מִן הודו עַד אַחַר קַדִּישׁ תִּתְקַבֵּל, הַמַּחֲלָה הַנּוֹרָאָה תִּפָּסֵק וְתִתְבַּטֵּל כָּלִיל מִכְּלַל יִשְׂרָאֵל"!**

(בדרשת שבת שובה תשע"ב לפ"ק)

# א נייע נקדישך!

## ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!

חז״ל זאגן ״ארבעה דברים צריכים חיזוק תמיד ובכל כוחו״, איינע פון די זאכן איז מצות תפלה. דער לשון ״צריכין חיזוק״ איז זייער פארשטענדליך, ווי יעדע זאך אויף דער וועלט. אבער די צוויי ווערטער ״בכל כוחו״, זאגט אז ס׳פארלאנגט זיך עפעס מער פון דעם, נישט סתם א התחזקות, מ׳דארף אריינארבעטן אין דעם מיט אלע כוחות. מ׳טאר נישט רוען און זיין צופרידן מיט וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, מ׳דארף טון וואס מעגליך אריינצוברענגען א פרישקייט און ארויפברענגען די עבודת התפלה אויף א העכערן שטאפל!

מ׳הערט כסדר אידן וואס זאגן ״איך רעד שוין נישט יארן ביים דאווענען, צוויי יאר דריי יאר״. אין אלע בתי מדרשים קען מען טרעפן אפילו גאנץ פשוט׳ע בעלי בתים וואס ארבעטן שווער א גאנצע וואך און קומען שבת אין שול, און ס׳גלוסט זיך עפעס צו הערן אביסל נייעס, אדער סתם אויסטוישן א ווארט מיט א חבר, אבער ס׳קומט נישט אין באטראכט... ״איך האב גענומען א קבלה״! אמאל קען ביי אזא איינעם דורכלויפן א מחשבה אין קאפ: ״איך בין מסודר״, ״איך בין א תוספות יום טוב איד״ איך בין ערליך ראוי מקבל צו זיין דער ״מי שברך״ וואס ער האט מתקן געווען ״למי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בשעת התפלה״.

און ס׳איז אמת, אזא איד איז טאקע מסודר, און איז אוודאי ראוי לברכה שלימה, און נאך אסאך מער פון דעם! אבער מ׳קען נישט זיין צופרידן דערמיט, א איד איז געקומען אויף דער וועלט צו זיין א ׳הולך׳ מ׳דארף זען מיט וואס מ׳קען זיך דערהייבן העכער און ארויפברענגען די עבודת התפלה ממדריגה למדריגה.

חז״ל (ברכות ו.) זאגן ׳כרום זולת לבני אדם׳, היינו דברים העומדים ברומו של עולם. מ׳זעט נישט אין גמרא, וואס די זלזול איז? אולי האט דאס א ספעציעלע כוונה, ווייל ווען חז״ל וואלטן געזאגט אז דער זלזול מיינט ״רעדן ביים דאווענען״, וואלט דער שַתקן בשעת התפלה געקענט טראכטן ׳איך בין מסודר, נישט מיר מיינט מען׳. אבער דער אמת איז, אז ווען ס׳קומט צו כבוד התפלה איז דא אסאך נקודות וואס קענען נוצן חיזוק, צו ס׳איז דאווענען מיט כוונה, ס׳זאל נישט זיין ולבו בל עמו. צו ס׳איז קומען בזמן פון אנהייב דאווענען, און מחזק זיין וואס חז״ל זאגן ״בשעה שהציבור מתפללים״. בימינו אלה איז צוגעקומען נאך פרישע ענינים וואס קענען כסדר נוצן חיזוק להרבות כבוד התפלה, ווי דער סעלפאון, און די גליונות וואס קענען צומאל אריינגיין בגדר זולת לבני אדם. די עבודה פון א איד איז צו זיין זייער צופרידן מיט וואס ער האט געטון ביז יעצט, אבער נישט בלייבן שטיין ביי דעם, נאר גיין ווייטער און טון מער!

הערנדיג אז מ׳וויל איבערפרישן ״נקדישך״, איז מתחילה אדורכגעלאפן א מחשבה: ״דער גליון ביז יעצט האט דאך אזויפיל אויפגעטון אויף אידישע קינדער? ס׳איז אזוי שיין און רייך, מ׳זעט יעדע וואך בריוו׳ן פון אידן וואס האבן גענומען קבלות, און א גרויס חלק ענדיגט זיך מיט א ישועה. נו, פארוואס קען מען נישט בלייבן כמו שהוא?... אבער לויט דעם פריערדערמאנטן חז״ל ״בכל כוחו״, קען מען נישט זיין קיין זיין עומד און טראכטן אז ס׳איז גוט וואס ס׳איז געווען ביז יעצט, נאר מ׳דארף אן ״התחדשות״, מ׳דארף זען ארויפצוהייבן דעם עמוד התפלה העכער און בעסער, מ׳דארף פרובירן אריינצושלעפן ווי מער אידן זיי זאלן זיך דערהייבן בעבודת התפלה!

[במאמר המוסגר: יעדער בר דעת פארשטייט אז ארויסצוגעבן דעם גליון מידי שבוע בשבוע קאסט אלפים ורבבות, און נאך אזא התחדשות קאסט דאס פי כמה! די זכותים פון די וואס שטייען אונטער דעם איז דאך נישט מעגליך משיג צו זיין. אזא גליון איז א שלב נוסף צו דער ׳הייליגע חלוקה׳ וואס זעטיגט אידישע קינדער בגשמיות און ברענגט אריין שמחת יום טוב בעולם הזה. די השפעה פון ׳נקדישך׳ זעטיגט די נשמות ברוחניות און טיילט א וועכנטליכע חלוקה לעולם הבא. אידן הייבן זיך בעבודת התפלה און ווערן נענטער צום באשעפער, עס ברענגט אראפ ישועות ורפואות ברוחניות ובגשמיות. יהי״ר אז די זכותים זאלן ביישטיין לו ולזרעו להתברך בנחת והרחבת הדעת וכל מילי דמיטיב.]

•

**דער** עצם מצות תפלה, האט אויך אסאך נקודות אין זיך, ס׳איז דא דער ענין פון בקשה, בעטן די צרכים וואס מ׳דארף, ס׳איז א ענין פון הודאה, דאנקן דעם באשעפער אויף וואס מ׳האט. און ס׳איז דא מער פון דעם אויך, אביסל דביקות, זיך באהעפטן צום באשעפער, ס׳איז נישט נאר געמאכט פאר ל״ו צדיקים, ס׳איז מדריגות צו וואס יעדע איד דארף שטרעבן צו קענען אנקומען.

זייער פיל אידן האבן באקומען שייכות מיט ״נקדישך״ ווען זיי האבן געדארפט האבן עפעס א ישועה אין א געוויסע ענין, מ׳האט זיך מקבל געווען א קבלה טובה פאר עטליכע וואכן, און פון די פערציג טעג נישט רעדן, איז געבליבן צוויי-דריי יאר! און ס׳גייט נאך אלס אן בס״ד. אבער מ׳טאר נישט בלייבן שטיין ביים ישועה׳לע, און ביים שטיל זיין בשעת׳ן דאווענען. מ׳דארף זען מיט וואס מ׳קען אויפצוהייבן דעם עבודת התפלה, בפרט ווען ס׳קומט א לאנגע יו״ט, און מ׳איילט זיך נישט צו דער ארבעט, איז דער ריכטיגע צייט צו טון וואס מעגליך אז די עבודת התפלה זאל זיין עפעס מער. זיך מקשר זיין צום ״נשמת כל חי״, א געשמאקע הלל בדביקות ובהתלהבות.

•

**מען** דערציילט אז אמאל האט דער רוסישער צאר זיך אנגעטון מיט פשוט׳ע קליידער און ער איז ארויסגעגאנגען צווישן פאלק, זיך פאראינטערסירן וואס ס׳גייט פאר ביי זיינע בירגער.

ער קומט אריין צו א איד אינדערהיים און ער פרעגט דעם איד: ״מיט וואס ארבעטסטו?״

״איך לערנען מיט קינדערלעך, כ׳בין א מלמד תינוקות״.

״א שיינע פרנסה״. זאגט דער צאר.

המשך בעמוד יב

דער זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען. דאס איז געווען א שטיק צייט צוריק שוין, אָבער אַז איך נעם שוין די מיה אַריינצושיקן אַ מעשה, וועל איך שוין דאָס אויך דערציילן.

ס׳איז געווען א חנוכה מסיבה ביי אונז אין די פאַמיליע, און איינער פון די משפחה, א יונגערמאן וואס האט שוין געהאלטן ״זיבן יאר נאך דער חתונה״ און נישט געהאט קיין קינדער איז אויך דאָרט געווען.

האט זיך דער טאטע פון דעם יונגערמאן אויפגעשטעלט, ער האָט גערעדט לכבוד די חנוכה מסיבה, און אזוי בתוך הדברים האט ער דערמאנט, אז יעדער ווייסט דאך אז זיי ווארטן אויף א ישועה, און דעריבער וואלט ער זייער געוואָלט בעטן, אז די גאַנצע משפחה זאל זיך אונטערנעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען לזכות אַז מ׳זאָל שוין זוכה זיין צו אַ ישועה!

ער האט דערביי געזאגט אז ער מיט זיין זון נעמען זיך אונטער א געוויסער זמן (איך געדענק נישט ווילאנג, פערציג טעג צו מער) נישט צו רעדן ביים דאווענען, און געבעטן אַז יעדער זאָל זיין אַ חלק דערפון.

איך בין דאָרט געזעסן. איך האב עס געהערט, אבער איך האב עס נישט אָנגעקוקט ווי ס׳איז טאקע ״עפעס א זאך״... איך האב עס ביז דאן אנגעקוקט ווי א זאך וואס ״מ׳דערציילט״, אבער נישט אליין געזען ממש טאַקע, אַזוי, אַז מ׳גייט זיך אונטערנעמען און מ׳גייט געהאָלפן ווערן.

למעשה, וואָס זאָל איך אייך זאָגן טייערע אידן, דער יונגערמאַן איז געהאָלפן געוואָרן, און אונטער אַ יאָר שפעטער האָט ער שוין ב״ה געהאַלזט אַ בן זכר!

גאַנצע זיבן יאר נישט געהאט קיין קינדער, און ממש איינמאל מ׳האט געמאכט די קבלה לזכותו, איז ער נאָך אין יענעם יאָר געהאָלפן געוואָרן מיט אַ גליקליכע ישועה!

•

איך וויל פאַרענדיגן פשוט מיט אַ גרוס. איך וויל אייך איבערגעבן וואס מ׳זעט מיט די אייגענע אויגן די רעוואָלוציע וואָס ״קרן תוספות יום טוב״ האט אריינגעברענגט.

איך בין געווען לעצטנס אויף א שמחה אין וויליאמסבורג. איך האָב געדאַוונט שבת אין א ביהמ״ד וואס אמאל פלעגט מען דארט זייער אסאך שמועסן. כ׳געדענק ווי ביים ליינען האט מען קוים געקענט הערן אַ וואָרט פונעם ליינער. כ׳זאָג אייך דעם ריינעם אמת, אַז איך האב אליין נישט געגלייבט, דאָס ביהמ״ד האָט זיך געטוישט מקצה אל הקצה!

ס׳איז געווען יענעם שבת דאָרט עטליכע שמחות, און מ׳האט נישט געהערט קיין איין איינציגסטן שאָרך! א גאנצע צייט איז געווען שא שטיל! דער עולם האָט בלויז געדאַוונט!

כ׳האָב עס פשוט נישט געקענט גלייבן צו זען די טראַנספאָרמאַציע וואָס דאָ האָט פאַסירט אין כלל ישראל, אַז רעדן און שמועסן ביים דאווענען און ליינען איז פשוט געוואָרן ״אַרויס פון סטייל״...

דאס איז נאָך דער גרעסטער מופת וואָס מ׳קען איבער דעם שרייבן!

ס׳איז ביי מיר נישט קיין שום ספק, אַז דאָס אַלעס איז צו פאַרדאַנקען דאָס התעוררות פון די גליונות וואס מ׳זעט, וואך איין וואך אויס, פאַרשפרייט אין די בתי מדרשים. מענטשן זעען דאס און ווערן נתעורר. דאס איז א געוואלדיגער געוואַלדיגער זכות. ס׳איז אַ זיכוי הרבים פון גרעסטן און חשוב׳סטן סאָרט.

דער גרויסער זכות זאל אייך ביישטיין, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז עטס זאלטס ווייטער קענען אויפטון נאָך מער און נאָך מער, צו הייבן קדושת התפלה אין כלל ישראל.

כ׳וויל ענק זאגן באמת, אַז אויסער וואָס מ׳ברענגט דאָ אַ התעוררות אין שמירת התפילה, שמירת הדיבור, התרוממות בית ה׳, וואָס דאָס איז אַ חסד ברוחניות, אריינגעברענגט קדושת התפילה ביי כלל ישראל, האט עטס אויך געטון א פשוט׳ער ״גשמיות׳דיגער חסד״, ווייל אזויפיל אידן ווערן געהאלפן מיט אלע מיני ישועות און רפואות אין זכות פון די הייליגע קבלה!

דער רבוש״ע זאָל העלפן, דער זכות זאָל אייך ביישטיין, און איר זאָלט אלעמאל קענען אויפטון ביתר שאת וביתר עז. אייער זכות איז אומשאצבאר!

# ”הודו לה׳ כִּי טוב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ“

תפלת שבת קודש

**ארייַנפיר:**

**בסייעתא דשמיא הייבן מיר אן א סעריע מאמרים איבער די תפלות וואס מיר דאווענען, זייערע מקור און זייערע ביאור, און וואס די ספרים הקדושים לערנען אונז דערוועגן.**

**מיר וועלן אנהייבן מיט די תפלות פון שבת קודש, און אנהייבן מיט דער תפלה פון ”הודו“ פון מנחה ערב שבת.**

**שטייענדיג יעצט ביים יום טוב פסח, איז טאקע פאסיג אנצוהייבן מיט דעם קאפיטל וואס דאס האט א גרויסע שייכות מיט'ן יום טוב פסח, ווען אידן זענען ארויס מעבדות לחירות, און געבן אפ א שבח והודאה פאר השי"ת, על כל החסד שעשה עמנו.**

**אין א גרויסן טייל קהילות וואו מען זאגט געווענליך 'הודו' נאר ערב שבת, זאגט מען אבער דעם קאפיטל ערב פסח און אזוי אויך ערב שביעי של פסח.**

**עס אינטערעסאנט אז זאגן 'הודו' ערב פסח איז א מנהג וואס ווערט שוין צו אין ספר 'סדר היום'. אינעם מאמר אויף ערב פסח שרייבט ער דארט אזוי: ”נאכדעם וואס מען איז מקבל דעם הייליגן יו"ט, זאל מען גיין אין בית המדרש און אנהייבן זאגן די מזמורים וואס רעדן און דערציילן פון יציאת מצרים. מען פירט זיך צו זאגן דעם מזמור וואס עס שטייט דארט 'יאמרו גאולי ה'', וואס איז כולל אסאך גאולות, און מען זאל רעדן פון די ארבעה שצריכים להודות, וואס ביי יציאת מצרים זענען געווען די אלע זאכן, און מען דארף דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן ברוב עם הדרת מלך אויף זיינע חסדים.“**

**ויה"ר אז אין זכות וואס מיר דאנקען דעם אויבערשטן אויף די חסדים וואס ער טוט מיט אונז אלעמאל, זאלן נשפע ווערן אויף אונז חסדים גלויים, און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלימה.**

**ד**ער הייליגער **בעש"ט הקדוש** זי"ע, דער מייסד פונעם דרך החסידות, האט מתקן געווען אז מ'זאל אנהייבן די שבת'דיגע תפלות מיט דעם קאפיטל ק"ז פון ספר תהלים, וואו ס'ווערט אויסגערעכנט די ”ארבעה הצריכים להודות“ נאכדעם וואס זיי האבן זיך געפינען אין פארשידענע צרות און סכנות און הקב"ה האט זיי געראטעוועט.

## ארבעה צריכים להודות

די ערשטע זענען די ”הולכי מדבריות“, ווי עס שטייט אין פסוק: ”תָּעוּ בַמִּדְבָּר בִּישִׁימוֹן דָּרֶךְ עִיר מוֹשָׁב לֹא מָצָאוּ“ - זיי האבן געבלאנדזשעט אין מדבר און נישט געטראפן דעם וועג ארויס. ”רְעֵבִים גַּם צְמֵאִים נַפְשָׁם בָּהֶם תִּתְעַטָּף“, זיי זענען געווען גאר הונגעריג און דארשטיג וכו', ”וַיִּצְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם מִמְּצוּקוֹתֵיהֶם יַצִּילֵם“, זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט זיי געהאלפן, ”וַיַּדְרִיכֵם בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה לָלֶכֶת אֶל עִיר מוֹשָׁב“. און יעצט קומען זיי לויבן און דאנקען השי"ת - ”יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם“.

דער צווייטער איז ”מי שהיה חבוש בבית האסורים“, ווי דער פסוק שילדערט זייער ביטערן מצב: ”יֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת אֲסִירֵי עֳנִי וּבַרְזֶל“, די וואס זיצן אין פינסטערניש אין שאטן פון טויט און זענען געבינדן אין פיין און אייזערנע קייטן וכו' ”וַיִּזְעֲקוּ אֶל ה' בַּצַּר לָהֶם מִמְּצֻקוֹתֵיהֶם יוֹשִׁיעֵם“, און ער העלפט זיי פון זייער קלעם - ”יוֹצִיאֵם מֵחֹשֶׁךְ וְצַלְמָוֶת וּמוֹסְרוֹתֵיהֶם יְנַתֵּק“, ער נעמט זיי ארויס פון פינסטערניש און עפנט זייערע שטריקן.

דער דריטער איז ”מי שהיה חולה ונתרפא“, ווי דוד המלך זאגט, ”כָּל אֹכֶל תְּתַעֵב נַפְשָׁם וַיַּגִּיעוּ עַד שַׁעֲרֵי מָוֶת“, זיי קענען גארנישט עסן און זענען שוין אנגעקומען כמעט צום טויט, ”יִשְׁלַח דְּבָרוֹ וְיִרְפָּאֵם וִימַלֵּט מִשְּׁחִיתוֹתָם“. הקב"ה האט זיי אויסגעהיילט און געראטעוועט פון אומקומען.

די פערטע זענען די ”יורדי הים“, ווי דער פסוק ברענגט ארויס די שוועריגקייטן, אז הקב"ה האט געשיקט א שטורעם ווינט וואס האט אויפגעהויבן די כוואליעס, און די שיף מיט די מענטשן האט זיך געווארפן ארויף און אראפ ”יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת נַפְשָׁם בְּרָעָה תִתְמוֹגָג“, זייער הארץ איז צעגאנגען פון גרויס פחד וכו', זיי האבן געשריגן צום אויבערשטן אין זייער קלעם, ”יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה וַיֶּחֱשׁוּ גַּלֵּיהֶם, וַיִּשְׂמְחוּ כִי יִשְׁתֹּקוּ וַיַּנְחֵם אֶל מְחוֹז חֶפְצָם“. באלד האט זיך דער שטורעם בארואיגט און די כוואליעס האבן זיך אפגעשטילט, און השי"ת האט זיי געפירט צו זייער ציל,

פון די אלע פיר פאדערט זיך אז זיי זאלן אפגעבן א גרויסן לויב און דאנק פאר השי"ת, ”יוֹדוּ לַה' חַסְדּוֹ וְנִפְלְאוֹתָיו לִבְנֵי אָדָם“.

## דער בעש"ט הק' האט איינגעפירן צו זאגן ”הודו“

ווי עס איז מקובל ביי חסידים, האט דער בעל שם טוב הק' זי"ע איינגעפירט דער ענין צו זאגן ”הודו“ עש"ק דערנאך וואס ער איז אהיימגעקומען פון דער באקאנטער שווערער נסיעה אויפ'ן וועג וועלנדיג אנקומען קיין ארץ ישראל. דורכאויס די נסיעה האט ער מיטגעמאכט צרות און סכנות, און ווען ער איז בחסדי ה' געראטעוועט געווארן, האט ער אנגעהויבן זאגן דעם קאפיטל פון ”הודו“ יעדן ערב שבת פאר מנחה, צו דאנקען השי"ת אויף די גרויסע חסדים. און אזוי איז געבליבן דער הייליגער מנהג ביי אלע זיינע תלמידים ותלמידי תלמידיו עד היום זה.

## יעדער איד האט נסים דורכאויס דער וואך

אין ”ספר מטעמים“ שטייט, אז דערפאר זאגט מען ”הודו“ ערב שבת, נאך די זעקס וואכן טעג, ווייל עס איז נישטא קיין איד וואס איז אריבער די זעקס טעג פון וואך און ער זאל נישט האבן מיטגעלעבט

המשך אין עמוד ט

מְשַׁאֲרָתָיו שׁוֹאֲלִים
שאלות ותשובות בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### ”מוריד הטל“ ווען מ'דאווענט שפעט

**שאלה:** **איינער וואס האלט נאך ביי שחרית בשעת דער ציבור האט שוין געזאגט שטילע שמונה עשרה פון מוסף דעם ערשטן טאג פסח, דארף זאגן ביי שמונה עשרה ”משיב הרוח“ ווייל ער האלט נאך ביי שחרית, אדער ער זאל זאגן ”מוריד הטל“ ווייל דער ציבור האט שוין געדאווענט מוסף?**

**תשובה:** ער זאל זאגן ”מוריד הטל“ וויבאלד דער ציבור זאגט שוין ”מוריד הטל“.

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#, די שאלות ווערן געענטפערט דורך הרה"ג ר' נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א, מו"ץ בשיכון סקווירא ובעל ”הליכות החיים“

**ביים דאווענען רעדן מיר בלויז צום באשעפער**

הרה"צ רבי **אלימלך בידערמאן** שליט"א

# די גַעוואלדיגע כח פון די פרשת 'שירת הים'

**א** ידישע קינדער גרייטן זיך צום געהויבענעם טאג 'שביעי של פסח', דער טאג וואס כלל ישראל איז אריבער דעם ים סוף און געזונגען שירה פארן בורא כל עולמים. די פרשת השירה וואס מיר זאגן יעדן ביים דאווענען די פרשה פון שירת הים ברענגט אראפ געוואלדיגע סגולות און ישועות, בפרט שביעי של פסח, ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים.

## שביעי של פסח ווערן נאכאמאל נתעורר די נסים

**דער** הייליגער רבי פון לובלין זצ"ל האט געזאגט, אז עס זענען דא צוויי צייטן אין יאר ווען עס ווערט נאכאמאל נתעורר דעם נס פון קריעת ים סוף און אלעס וואס איז מרומז דערין, גוטע שידוכים, פרנסה, א"א"וו: שביעי של פסח און שבת שירה. דאס איז מרומז אין די ווערטער "א"ז ישיר משה" - "אלף" איז דער טייטש לערנען (ווי עס שטייט "ואאלפך חכמה"), דאס מיינט, שבת שירה, ווען מען לייענט די פרשה בשלח, און דער ז' איז מרמז אויפ'ן זיבעטן טאג פון יום טוב פסח, שביעי של פסח, ווען משה רבינו האט געזונגען שירה מיט די אידן נאכ'ן נס פון קריעת ים סוף. 'א"ז', אין די צוויי זמנים, 'ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה', "ישיר" איז סיי א לשון עבר, וואס גייט ארויף אויף דעמאלט בשעת'ן נס, און סיי א לשון הוה, וואס באציט זיך אויף יעצט, שטענדיג אין אלע יארן, זינגען אידן שירה, און עס שפילט זיך נאכאמאל איבער די אלע עניינים פונקט ווי דעמאלט ביי קריעת ים סוף.

## מיט שירת הים איז דער אויבערשטער קונה כלל ישראל

**א** פלא'דיגע ווארט זאגט דער גור'ער רבי בעל "אמרי אמת" זצ"ל אויפ'ן פסוק "עם זו קנית" (ליקוטי יהודה): מיר ווייסן, אז כדי צו קונה זיין א זאך דארף מען מאכן א קנין, עס אויפהייבן, אדער שלעפן צו זיך. וואו טרעפן מיר אז דער רבוש"ע האט געמאכט איינע פון די קניינים צו קויפן און קונה זיין כלל ישראל?

נאר ווייל די גמרא זאגט (מס' קידושין) אז ביים קונה זיין א קנעכט איז דא א הלכה, אז אויב דער קנעכט האט אויפגעהויבן זיין האר, האט דער האר אים קונה געווען מיט א קנין "חזקה". ביי די שירת הים זאגן מיר "אלקי אבי וארוממנהו" - ער איז דער ג-ט פון מיין פאטער, און איך האב אים אויפגעהויבן. דורך דער שירה וואס מיר זאגן פאר'ן אויבערשטן, טוען מיר אידן, כביכול, אויפהייבן דעם כבוד פונעם אויבערשטן, און דערמיט איז דער אויבערשטער אונז קונה, ווי די הלכה פון א קנעכט וואס האט אויפגעהויבן זיין האר.

און אזוי אויך יעדעס מאל וואס מיר זינגען שירה פאר'ן אויבערשטן, טוען מיר זיך נאכאמאל פאר אים פארקויפן צו זיין דעם אויבערשטנ'ס עם סגולה.

## די סגולות פון זאגן פרשת שירה

**אין** ספר "חרדים" שטייט, אז פונקט ווי ביי רפואת הגוף זענען דא מעדיצינען וואס קאסטן אסאך געלט און שאפן יסורים פאר'ן מענטש וואס היילט זיך דערמיט, און פון דער צווייטע זייט זענען דא סגולה'דיגע רפואות וואס קאסטן נישט טייער און היילן דעם חולה אן קיין ווייטאג און זייטיגע אפעקטן - אזוי אויך ביי רפואת הנפש וואס רייניגט און היילט די נשמה פונעם מענטש, זענען דא תיקונים אזוי ווי תעניתים און סיגופים וואס זענען א פייניגונג פאר'ן מענטש, און טוהן אים אויסלייטערן אז ער זאל זיין ריין, זענען אבער אויך פאראן סגולה'דיגע עניינים וואס ברענגען א גרינגע און שנעלע טהרה אן יסורים.

דער "חרדים" רעכנט אויס דארט פארשידענע סגולות וואס זענען מטהר דעם מענטש, און איינע פון זיי איז ווער עס זאגט שירת הים מיט א פרייליך הארץ, גלייך ווי ער וואלט יעצט ארויס פון מצרים - אזא איינער איז זוכה צו א כפרה אויף אלע זיינע עבירות.

ער ברענגט דארט, אז דער ענין פון מחילת עוונות דורך דער פרשה פון שירת הים זעען מיר אין חז"ל (ילקוט שמעוני רמז רנז) אויפ'ן פסוק (שמות טו, כב) "ויסע משה" - "שהסיעם מעוונותיהם", דער אויבערשטער האט מוחל געווען די עבירות פון אידן ביי קריעת ים סוף דורך דעם וואס זיי האבן דעמאלט געזאגט שירה, ווייל יעדער מענטש וואס עס האט פאסירט מיט אים א נס און ער זינגט שירה, איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות.

פארוואס העלפט דאס זאגן מיט א שמחה די שירת הים וואס אידן האבן דעמאלט געזאגט אז די עבירות זאלן פארגעבן ווערן? וויבאלד ביי דער פרשה פון שירה שטייט "ויאמרו לאמר", און ווי דער הייליגע תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי לערנט אונז אין זוהר הק' איז די כוונה פון דעם פסוק אז אין אלע דורות זאל מען זאגן די פרשה פון שירה מיט גרויס שמחה אזוי ווי אידן האבן עס געזאגט ביי קריעת ים סוף, מיט א הארץ פול מיט שמחה. דעריבער איז די כח פון איר סגולה יעדן טאג אויך אזוי ווי דעם ערשטן מאל ביי קריעת ים סוף.

דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאר לגבי דעם ענין פון מחילת עוונות, נאָר וועגן אַלע סאָרטן ישועות. ווי עס שרייבט הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע (פסח, ד"ה איתא במדרש), אז ביי די שירת הים איז דאָ אַלעס וואָס איז געווען און וואָס איז אנגעגרייט צו זיין, און אַלע גאולות און אַלע ענינים וואָס דער מענטש דארף האָבן, אַלעס איז נכלל אין די שירה פונעם ים. און אויב דער מענטש וועט זאָגן די שירה מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט מסירות נפש, יעדער איינער לויט זיין מצב. וועלן אַלע זיינע ענינים,ברוחניות ובגשמיות, פאַרראכטן ווערן, עכ"ל.

## א טאג פון ישועות און רפואות

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין מדרש, אז בשעת קריעת ים סוף זענען געשפאלטן געווארן אלע וואסערן אויף דער וועלט. פרעגט דער הייליגער ערשטער בעלזער רב זי"ע: מיר ווייסן דאך אז דער רבוש"ע מאכט נישט קיין נסים אומזיסט, פארוואס האט טאקע אויסגעפעלט אז אלע וואסערן, אויך וואו די אידישע קינדער זענען נישט געווען דעמאלט, זאלן געשפאלטן ווערן?

ענטפערט דער בעלזער רב זי"ע, אז דאס קומט צו ווייזן אויף די גרויסע ישועות וואס טוען זיך אפ אין דער צייט פון שביעי של פסח בעת עס חזר'ן זיך איבער אלע חסדים פונעם אויבערשטן. "מים" איז מרמז אויף די צרות און יסורים ל"ע וואס דער מענטש גייט אריבער אין לעבן, ווי דוד המלך ע"ה זאגט אין תהילים (סט, ב) "הושיעני אלקים כי באו מים עד נפש". דאס איז די כוונה פון חז"ל אז בשעת קריעת ים סוף זענען געשפאלטן געווארן "אלע וואסערן", דאס הייסט, אלע צרות און דאגות זענען בטל געווארן, און אט-די זאך חזר'ט זיך איבער בכל דור ודור, אז מען קען זוכה זיין אין דער צייט ארויסצוגיין מצרה לרווחה, ספעציעל מיט די ישועות וואס זענען געגליכן צו קריעת ים סוף, פרנסה, זיווגים, אא"וו. די הייליגע טאג פון שביעי של פסח איז מסוגל צו "שפאלטן" דעם ים פון צרות און אויס'פועל'ן אלע גוטע ישועות.

## מען מוז צולייגן תפלה

**כדי** זוכה צו זיין דערצו פעלט אבער אויס תפלה, אז דער מענטש זאל מתפלל זיין, ווי דער רשב"ם שרייבט (פסחים קיח ד"ה כקריעת) וועגן די ישועות וואס חז"ל זאגן אז זיי זענען אזוי שווער ווי קריעת ים סוף: "ונפקא מינה למיבעי רחמי", ד.ה. די חכמים קומען אונז נישט סתם דערציילן וועלכע זאך עס איז שווער ווי וועלכע זאך, נאר ווילן אונז זאגן אז מען דארף עפעס טון דערצו, דאס הייסט בעטן רחמים ביים אויבערשטן און אסאך מתפלל זיין אויף די ישועות. און ווען מען וועט אויסניצן דעם מסוגל'דיגן זמן, וועט מען זוכה זיין צו ברעכן מויערן און ממשיך זיין ישועות און רפואות לנו ולכל ישראל.

### אַדִּיר וְחָזָק

ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

#### תפלת ישראל מתקבלת אף אם אין להם זכות

**וישמע אלקים את נאקתם.** בכאן רומז שאף בעת שאין ישראל יודעים לרצות להקב"ה ע"י זכות התורה והמצות שבידם שתהיה מגנת ומצלת אותם, אף על פי כן מסר להם ה' יתברך עזר ותרופה, על ידי תפלת העני שבאים להתפלל במענה פיהם ובהכנעת לבם, שתעמד להם תפלתם, כמו שעמד לעמו ישראל במצרים ושמע שועתם וצעקתם אף שלא היה בידם עדיין זכות התורה והמצוות, והיו קרוב לבחינת מתים, ותפלתם נשמעת להצמיח להם ישועה ופליטה גדולה, ועל ידי תפלתם התעורר להם זכות אבות ונגאלו משם. (שער התפלה מבוא)

### וַיַּשְׁמִיעֵנוּ

ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

#### המילים שהוסיפו בגלל עלילת דם בפסח

**המעורר ישנים והמקיץ נרדמים:** "נוסח שבח הזה בנשמת תיקנו על עלילת דם בפסח שנמצא ברחוב היהודים תינוק שחוט ובאו כל היהודים לשערי מות עי"ז, עד שבא חסיד אחד ונתן פיתקא בפיו של תינוק הנשחט ודיבר כל המאורע לו, ואח"כ נפל לארץ ומת כמקודם וניצלו כל היהודים, ואז תיקנו והוסיפו השבח הזה." (זהרי חמה להרה"ק רבי אברהם אזולאי זי"ע, הובא בספר אוצר יד החיים)

ככתוב על יד

# שיחות הוד בבתי גדולי הרבנים ואדמו"רי"ם שליט"א

## בעת כתיבת האותיות בספר תורה שנכתב ע"י קרן תוספות יו"ט

לע"נ מרן בעל תוספות יום טוב זי"ע ולזכות רבבות המקבלים
שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה

## הגאון האדיר ראש ישיבת פילאַדעלפיע שליט"א







געהויבענער התרגשות'דיגער באַזוך בביתו פון "זקן ראשי הישיבות" בארה"ב

**ראש ישיבה שרייבט "מכתב קודש וחיזוק" פאַר קרן תוספות יום טוב**

מיט אַ כבוד התורה כראוי וכיאות האָבן די חברי ועד קרן תוספות יום טוב געהאט די זכיי ארייַנצוגיין אל הקודש פנימה להאי גאון וגדול, דער זקן ראשי הישיבות בארצות הברית, הגאון האדיר הישיש רבי שמואל קאמינעצקי שליט"א, אין די ראַמען פון די באַזוכן ביי גדולי ישראל אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן "כתיבת האותיות" אין כלל ישראל'ס ספר תורה.

בחרדת קודש האָבן די חברי הועד צום ערשט איבערגעגעבן אַ באַריכט פאַר'ן גרויסן גאון איבער די פעולות האדירות פון קרן תוספות יו"ט, ווי מען טוט פאַרשפרייטן די הייליגע גליונות יעדע וואָך איבער נישט רעדן ביים דאַווענען, און וויאַזוי צענדליגער טויזנטער אידן ווערן נתעורר זיך צו הייבן אין קדושת התפלה.

די עסקנים האָבן דערציילט איבער דעם וואונדערליכן מציאות, אַז דעם פאַרלאָפענעם חודש אלול, צום יארצייט פון גאון ישראל וקדושו דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע, האָט מען געהאט העכער הונדערט טויזענט אידן ארום די וועלט וואָס האָבן זיך מקבל געווען די קבלה הקדושה נישט צו רעדן ביים דאווענען.

אַזוי ווייטער האָבן די חברי הועד דערציילט: אין די פארגאנגענע "ימי השובבי"ם" האבן מיר געהאט אַ מבצע אין די ישיבות הקדושות פון ארום דער גאנצער וועלט, וואו העכער פופצן טויזענט בחורים האבן זיך מקבל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען, און ס'איז געווען אַ מורא'דיגע התעוררות ביי די בחורי חמד זיך צו הייבן אין עבודה שבלב זו תפלה.

## כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א







**א** **ווארעמע אויפנאַמע איז פאָרגעקומען בביתו נאוה פון כ"ק מרן אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א, ווי דער רבי שליט"א האָט מיט אַ גרויס חמימות וברגשי ידידות מקבל געווען את פניהם פון די ראשי מפעל האדיר "קרן תוספות יום טוב". דער התרגשות'דיגער באַזוך און די הייסע ברכות טהורות האָט אַריינגעבלאָזן אַ פרישן קוואַל פון חיזוק אין די ראשי קרן תוספות יום טוב, אָנצוגיין ווייטער מיט די הייליגע מיסיע לעורר לבב כל ישראל, צו פאַרשטאַרקן דעם כח התפלה בכל קצוי תבל, ובשם ה' נעשה ונצליח.**

**פאלגענד זענען די ציטאטן פונעם שמועס:**

**חברי המערכת:** אונז קומען דא מטעם קרן תוס' יו"ט. פאר דריי יאר צוריק האבן אונז געמאכט א קאמפיין אז ווער ס'נעמט אונטער א קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען וועט באקומען א זכות פון א ווארט אין א ספר תורה וואס מען וועט שרייבן לע"נ דעם תוס' יו"ט זי"ע, און אונז גיי מיר ארום צו די רבנים אריינצושרייבן א אות אין דעם ספר, דאס זאל ברענגן חיזוק פארן גאנצן ציבור המקבלים.

**אדמו"ר מספינקא:** אויף דעם ענין פון נישט צו רעדן ביים דאווענען שטייט פונעם קאזניצער מגיד זי"ע, ער שרייבט עס אין פרקי ישראל אויף פרקי אבות - אין ערגעץ שטייט נישט אזוי שארף - זאגט ער, אז

## המשך הגאון האדיר ראש ישיבת פילאַדעלפיע שליט"א

הגאון הראש ישיבה שליט"א האט אויף דעם רעאַגירט: "אַ שענערע זאך פון דעם קען נישט זיין"!

באַזונדער האָט די דעלעגאַציע איבערגעגעבן אַ באַריכט פאַר דעם גרויסן גדול בתורה, זקן ויושב בישיבה, איבער די הייליגע "כלל ישראל'ס ספר תורה" וואס קרן תוספות יום טוב לאָזט שרייבן לזכות פון אלע אידן בכל קצוי תבל וואס האבן זיך מקבל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען און מ'האָט זיי מקנה געווען אַ "זכות שותפות" אין די ספר תורה, און אַזוי אויך איז עס געשריבן געוואָרן לעילוי נשמת דעם הייליגן תוספות יום טוב זי"ע, פון וועמען דער ר"י זעלבסט איז אן אייניקל.

דאַן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס במשנתו פון דעם הייליגן חפץ חיים זי"ע איבער די נושא פון "מקדש מעט", וואס דער הייליגער חפץ חיים זאגט אויך בין הדברים אז אויב מ'פירט זיך אויף אין בתי מדרשים מיט א כבוד און מ'רעדט נישט ביים דאווענען איז דאס מקרב די גאולה!

ווי מ'האָט אַריינגעברענגט "כלל ישראל'ס ספר תורה" איז דער ראש ישיבה שליט"א זייער נתרגש געוואָרן, און דאַן ברגש קודש אַריינגעשריבן אַן אות, וזה לך לאו"ת אין דער ספר תורה הזאת, וועלכע איז באַצירט מיט די אותיות מחכימות פון אַלע גדולי וצדיקי דורינו, וועלכע האָבן שוין אַריינגעשריבן אותיות אין די ספר תורה וואָס שפיגלט באמת אָפּ די יקר תפארת פון כלל ישראל.

צום שלוס האָט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעדרוקט זיין באגער צו שרייבן א פערזענליכע מכתב קודש וחיזוק ארויסצוברענגען זיין התפעלות פון די געוואלדיגע פעולות פון קרן תוספות יום טוב, און טאקע געשריבן גאר א הארציגן הערליכן בריוו וואס הייבט זיך אן "בשמחה קבלתי השמועה על הפעולות של קרן תוס' יו"ט להרבות שמירות וגדרים לקדושת בתי כנסיות בעת התפלה".

דאן האָט דער ראש ישיבה געוואונטשן א הארציגער ברכת התורה, אַז דער זכות פון זיכוי הרבים בקדושת התפלה, און דער זכות פונעם כח התפלה פון אזויפיל אידישע קינדער, און דער זכות התורה, יעזור ויגן יושיע בעד כל העוסקים והמסייעים, ובפרט פאר'ן פטרון הדגול והמרומם שליט"א, צו קענען אָנגיין ווייטער ביתר שאת וביתר עז, מתוך נחת והרחבת הדעת, וכל משאלות הלב לטובה, אמן.

# מכתב חיזוק וברכה

מאת הגאון האדיר והישיש

רבי **שמואל קאמינעצקי** שליט"א

**ראש ישיבת פילאַדעלפיע**



## המשך כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א

איינער רעדט אינמיטן דאווענען איז ער נישט נאר גורם אז זיין תפלה זאל נישט נתקבל ווערן, נאר ער איז מעכב די תפלות פונעם גאנצן בית המדרש.

א איד קען ארויפקומען בשמים נאך די הונדערט און צוואנציג און האבן א דין תורה מיט א איד, ער וועט נישט וויסן פארוואס, "איך האב מיט דעם איד קיינמאל נישט געהאט צו טון". וועט מען אים זאגן "עטס האטס געדאווענט אין איין ביהמ"ד, דער איד איז אריינגעקומען עפעס בעטן, און איז געווען זיכער אז דער אויבערשטער גייט עס אים געבן, און וויבאלד דו האסט גערעדט האט מען יענעמ'ס תפילה נישט אויסגעהערט!" - די שארפקייט אז מ'קען קאליע מאכן פאר א צווייטן, שטייט נישט אין ערגעץ.

ממילא, אז א מענטש האלט ער דארף גארנישט בעטן, ער האט אלעס וואס ער דארף, און ער קען רעדן... אבער פאר א צווייטן וויל קיינער זיכער נישט קאליע מאכן.

עלטערע בעלי בתים האבן מיר געזאגט - זיי האבן מיר געזאגט די נעמען זיי האבן דאס מיטגעהאלטן אינדערהיים און פארציילט - מ'פלעגט מאכן ביי צדיקים א תקיעת כף אז ווער ס'גייט פריער זאל קומען פארציילן מה נעשה בדינך. למעשה איז אמאל איינער געקומען און ער האט געזאגט אזוי: "מ'קען נישט רעדן, אבער וואס מ'מעג פארציילן איז, 'בין אדם למקום' גייט מען זייער שנעל אדורך, ס'דא אן אוה"ח הק' אז ס'איז אן אריכות הגלות, דער אויבערשטער פארשטייט, אבער 'בין אדם לחבירו' איז גארנישט ווייניגער געווארן זייט קבלת התורה, א מענטש איז א מענטש, א מענטש האט געפילן, א מענטש איז נישט אנדערש געווארן, דארט איז מען דן אזויווי מ'האט יעצט מקבל געווען די תורה!"

ממילא אז דער קאזניצער מגיד זאגט אז רעדן אינמיטן דאווענען איז 'בין אדם לחבירו', ס'איז נישט קיין בין אדם למקום, דארף מען אוודאי אכטונג געבן. ס'שטייט א איד אין ביהמ"ד ער איז געווען זיכער אז ער טראגט היינט אהיים א ישועה, מ'גייט אים אויסהערן, אבער א צווייטער האט גערעדט און מ'האט דעם איד נישט אויסגעהערט...

**חברי המערכת:** ס'איז א מורא'דיגע נקודה, ס'איז בין אדם לחבירו...

**אדמו"ר מספינקא:** יא, ס'איז אן אנדערע זאך, מ'זעט ביי יום הקדוש אויך 'עד שירצה חבירו', בין אדם לחבירו איז אן אנדערע הלכה.

**חברי המערכת:** דער טאטע פון של"ה הק' ברענגט, אפילו די שלש עבירות חמורות איז דא א יצה"ר, אבער רעדן אין ביהמ"ד אויף דעם איז נישטא קיין תשובה דערויף...

**אדמו"ר מספינקא:** יא, אז מען רעדט נישט ביים דאווענען איז מען מקרב די גאולה, מ'איז מתפלל און דער אויבערשטער וועט אונז אויסהערן!

**חברי המערכת:** היי יאר איז געווען א מחזה הוד אין קראקא ביים ציון, א צוויי טויזענט אידן זענען געווען דארט ביים יארצייט, און מען האט אראפגעלייגט ארום הונדערט טויזנט קבלות פון אידן איבער די גאנצע וועלט וואס האבן זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען.

**אדמו"ר מספינקא:** יא, צדיקים האבן הנאה אז מ'קומט צו זיי. דער צאנזער רב האט געזאגט, אז א מקום וואו מ'פלעגט אמאל גיין און מ'האט אויפגעהערט, קען מען דורכגיין ביינאכט און הערן מיט די גשמיות'דיגע אויערן ווי דער נשמה וויינט און

פרעגט "וואו איז דער עולם וואס פלעגט קומען צו מיר?" ממילא אז מ'גייט, האלטן זיי פונקטליך מיט. איך האב דאס שוין אמאל איבערגעזאגט אין מאגלעניץ, בעפאר אונז זעמיר געגאנגען איז גארנישט געווען,

**חברי המערכת:** מיט אכט יאר צוריק האט מען געדארפט רופן א צענטער צו מנין ביים ציון... ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע מעשה, איינע פון אונזערע עסקנים זענען דעמאלטס דארטן געווען, ס'איז זיך צאמגעקומען ניין מענטשן און מ'האט געזוכט א צענטער פאר א קדיש, איז מען ארויסגעגאנגען אינדרויסן זעהן צו מען קען אפשר טרעפן נאך עפעס א איד. למעשה האט מען געטראפן אן ארץ ישראל'דיגע איד, א טוריסט פון איינע פון די מושבים, האט מען אים געפרעגט צי ער וויל אריינקומען משלים זיין א מנין ביי א יארצייט, האט ער מסכים געווען, און ער פרעגט: "וועמענ'ס יארצייט איז היינט?" האט מען אים געזאגט: "דעם תוס' יו"ט'ס"

האט ער געזאגט: "אזוי?! איך מאך שוין צוואנציג יאר די מי שברך ביי אונז אין ביהמ"ד אין דערפל" ער האט געקענט דעם מי שברך אויסענווייניג, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז די יארצייט און נישט אז דער תוס' יו"ט ליגט דארט אין קראקא... ס'איז געווען ממש ווי א צדיק רופט איינעם צו קומען!

**אדמו"ר מספינקא:** מען זאגט דאך נאך פונעם בעש"ט אז ער האט געזאגט אז וואו ס'איז דא ניין וועט זיין צען!

**חברי המערכת:** מיר האבן אנגעהויבן יעצט ביי די קינדער א פראגראם צו לערנען די טייטשט פון דאווענען, אונז שיקן ארויס יעדע וואך א קינדער גליון דורך די פאסט. זיבן און צוואנציג טויזענט קינדער האבן זיך שוין אנגעשלאסן!

אויך ביי די בחורים אין ישיבה האט מען יעצט שובבי"ם צאמגענומען קבלות, איבער פופצן טויזענט בחורים האבן גענומען שטארקע קבלות!

**אדמו"ר מספינקא:** כן ירבו וכן יפרוץ!

די גמרא אין שבת (קיט:) רעדט איבער דאס גרויסקייט פון תינוקות של בית רבן, די גמרא זאגט 'לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו בה תינוקות של בית רבן', און 'אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן' האט רב פפא געפרעגט פון אביי, 'ודידי ודידך מאי?' האט אביי געזאגט 'אינו דומה הבל שיש בו חטא להבל שאין בו חטא' זיי זענען גרעסער פון תנאים! אונז האבן נישט קיין השגות וואס א תנא מיינט, א תנא מיינט א פייער פון הימל! דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט 'עס איז געווען א פייער וואס האט געהייסן אביי, און עס איז געווען א פייער וואס האט געהייסן רבא!', און דאך זאגט אביי אז קינדער זענען גרעסער פון אלעמען. דאס ריינקייט וואס זיי האבן קען קיינער נישט צושטעלן. די גאנצע דיבור פון א קינד איז ריין, ממילא הערט מען אים אויס. ממילא זאל ער וויסן די פירוש המילות וועט ער דאווענען מיט מער חשק.

**חברי המערכת:** מען פאנגט שוין אן יונגערהייט זיך איינגעוואוינען, און בסייעתא דשמיא וועט ער דאס ממשיך זיין וועט ער ווערט עלטער.

איינע פון די נקודות וואס איז טאקע געשטאנען יעצט אינעם קינדער גליון, אז 'בצלאל' איז געווען א קינד ווען ער האט געבויט דעם משכן. זעט מען וואס א קינד קען אלס אויפטון!

**אדמו"ר מספינקא:** די גאנצע מדבר ווייזט דאס וויפיל מען קען אלס אויפטוהן, ווען עס איז געקומען צו בויען די משכן, אין מדבר איז נישט געווען די אלע כלים און זיי האבן קיינמאל נישט געארבעט ביי די זאכן, ממחרת יום הכיפורים איז משה רבינו אראפגעקומען, און תיכף אינעם ערשטן טאג האט משה רבינו גערעדט צו די אידן מען זאל ברענגן נדבת המשכן, נאכדעם איז געווען דריי טעג פון נאך יו"כ, אזויווי ס'שטייט 'בבוקר בבוקר', ערב סוכות האט מען שוין אויסגערופן אז ס'איז פארטיג! והמלאכה היתה דים. - ס'איז גארנישט געווען צוגעגרייט פון פארדעם, דאס איז א געוואלדיגע לימוד.

בכלל שטייט אז די גרעסטע אריכות אין דער תורה איז די נדבת המשכן. פינף וואכן! - אמאל איז עס נאר פיר, היי יאר איז דאס געווען פינף וואכן - תרומה, תצוה, כי תשא, ויקהל און פקודי, זעהט מען וואס עס מיינט נדבת המשכן, און מ'דארף זיך לערנען וויפיל א איד קען אנקומען!

ס'איז דא אזויפיל פשטים אויף דעם 'והמלאכה היתה דים, והותר' ס'איז דאך א סתירה, אדער איז געווען גענוג, אדער איז איבערגעבליבן? דער אוה"ח הק' זאגט פשוט אז ס'איז געשען א נס, אז כאטש עס איז געווען איבעריג, דאך איז אלעס אריין אינעם משכן, ווען נישט וואלט א איד געטראכט אז מיין נדבה איז געבליבן אינדרויסן.

דער מאור ושמש אינעם ערשטן שטיקל אין פקודי זאגט אז מ'רעדט פון 'קדושה', ס'האט נישט אויסגעפעלט בזמנו אזויפיל, האט דער אויבערשטער געענטפערט פאר משה רבינו 'מה לעשות בנותר, עשה משכן העדות' דאס מיינט א ביהמ"ד. איז די קשיא, צו וואס האט מען דעמאלס געדארפט א ביהמ"ד, מ'האט דאך געהאט דעם משכן?

נאר מ'מיינט אונז, די קדושה וואס איז געבליבן דעמאלס מער ווי מ'האט געדארפט האבן פארן משכן, האט מען אוועקגעלייגט אז וואו א איד וועט מאכן א ביהמ"ד, קומט פון קדושת המשכן פון מדבר, אין יעדע ביהמ"ד!

יעדער וואלט זיך געוואונטשן צו זיין אין משכן און דארט וואלט קיינער נישט גערעדט... ממילא זאל מען וויסן אז אין יעדע ביהמ"ד וואו מ'דאווענט ליגט קדושת המשכן!

ס'איז דא נאך א מימרא, די לוחות וואס מ'האט צעבראכן איז געפלויגן שטיקלעך, און אויף יעדע מקום וואו ס'איז געפלויגן א שטיינדל איז דא א ביהמ"ד אויף דעם. דער טאטע ז"ל פלעגט איבערזאגן דעם קדושת לוי, עתיד הקב"ה להחזיר לנו לוחות הראשונות, ווייל למעשה ליגט אין דעם כוחות הקדושה, דער אויבערשטער אליין האט דאס געשריבן און אליין געמאכט.

עכ"פ, ס'דרייט זיך דא הייליגע זאכן און מ'גראבט עס אויף, און ווען מ'וועט פארטיג ווערן גייט מען קיין ירושלים עיר הקודש! דאס איז די ארבעט.

(וכתב אות יו"ד בהספר תורה)

**אדמו"ר מספינקא:** ס'זענען דא וואס זאגן אז די היינטיגע אותיות זענען כשר אזויווי ס'איז, אבער די י' איז נישט כשר אנדעם וואס מ'פילט עס אן, בעפאר מען פילט עס אן איז עס אדער אן ם' אדער א ס'. ביי א י' איז מען זיכער מקיים מצות כתיבת ספר תורה

די גאנצע מגילה טוט זיך מיט 'יהודה', אלעס דרייט זיך מיטן ווארט 'יהודה', איש 'יהודי', און שפעטער 'ליהודים' - אזוי האב איך יעצט געטראכט - ס'איז דא א פשט פון איינע פון די פריערדיגע, אז לאה האט געגעבן דעם נאמען יהודה. אונז לערנען פשט אז זיי זענען געווען נבואות און דריי קינדער קומט איר און ביים פערטע דאנק זי דעם אויבערשטן. ברענגען אבער די ראשונים און קדמונים. אז ווילאנג א מענטש האט א מחשבה "מיר קומט זיך" קען ער נישט דאנקען. ווען לאה איז געוואר געווארן אז דער חשבון שטימט נישט, זי האט געמאכט א פאלשע חשבון, האט זי שוין געדאנקט אויף ראובן, אז אלעס איז א דאנק!

'הפעם אודה את השם' זאגט דער מהר"ם שי"ק גייט בלשון בתמיהה, הפעם אודה ה'? נאר איינמאל דארף איך דען דאנקען דעם אויבערשטן? נאר איך האב געגעבן דעם נאמען 'יהודה' אז ווען אימער איך וועל זאגן דעם נאמען וועל איך מיר דערמאנען צו דאנקען.

מ'קען אויך זאגן 'וזאת ליהודה' מיט א לשון בתמיהה, נאר דאס? מ'דארף שטענדיג דאנקען נישט נאר יעצט! מ'דארף זיין פארנומען מיטן דאנקען דעם אויבערשטן. דאס איז די גאנצע עבודה!

**חברי המערכת:** דער תוס' יו"ט זי"ע אין דער מי שברך, זאגט ער דעם נוסח: 'ויחולו עליו כל הברכות הכתובות בתורת משה רבינו'. מיר ווילן בעטן דעם רבי צו געבן א ברכה פאר די אידן וואס זענען זיך מקבל נישט צו רעדן ביים דאווענען, אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן.

**אדמו"ר מספינקא:** דער אויבערשטער זאל העלפן, די תפילות און בקשות זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מ'זאל קענען גוט דאווענען און קענען איינהאלטן די קבלות, נערים וזקנים, יעדער איינער. גדיים נעשים תיישים, יונגע קינדערלעך הייבן אן יונגערהייט ווען זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי דאס מיטנעמען, אז אין א ביהמ"ד דארף מען לערנען און דאווענען און דינען דעם אויבערשטן, אזוי וועט מען ארויסגיין פון גלות. יעדער זאל האבן אלע ברכות הכתובות בתורה, ס'זאל זיין ביי יעדעם 'תורה וגדולה במקום אחד', עלטערן זאלן מחנך זיין די קינדערלעך לתורה ועבודה לחופה ולמעשים טובים, ס'זאל קומען א שנת גאולה וישועה, די שמחה פון די טעג זאלן אריינשיינען אין אידישע שטוב א שמחת החיים תענוג וסיפוק.

און די טייערע שליחים וואס עטס האט א חלק אין יעדע אות אין דער תורה, און אין יעדע קבלה טובה! דער אוה"ח הק' ברענגט אויף 'שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך' אז קיינער נעמט נישט צו פון קיינעם גארנישט, שקל הקודש כפול, יששכר באקומט דאס גאנצע, און זבולון די גאנצע, ממילא די וואס זענען זיך מקבל באקומען די גאנצע שכר, און די וואס ברענגען ארויס די קבלות און זעען אז מ'זאל זיך מקבל זיין, באקומען אויך די גאנצע שכר.

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל קענען אנגיין ווייטער, און אין דעם זכות וועט מען ארויסגיין פון גלות און אויסגעלייזט ווערן צוזאמען בקרוב במהרה מיט אלע השפעות טובות!

זאל זיין מיט הצלחה, און מ'זאל הערן גוטע בשורות שטענדיג.

## גארנישט מרגיש געווען בשעת'ן דאווענען

**דער** גאון און צדק בעל "נפש חיה" פלעגט זיך מסתופף זיין ביים הייליגן דברי חיים זצ"ל. ער פלעגט דערציילן פון דער הייליגער עבודה וואס דער צאנזער רב האט פאראַרבעט ביים דאווענען, ווי ער האט זיך געשטעלט דאווענען אין איין ווינקל און מען האט אים געטראפן אין אן אנדער ווינקל, אזוי ווי חז"ל דערציילן אויף רבי עקיבא (ברכות לא.).

אויך האט ער דערציילט, אז איינמאל האט ער זיך אנגעכאפט אינמיטן דאווענען אין א קאכעדיג-הייסן אויוון ביז די הענט זענען אים אינגאנצן אפגעבריט געווארן, און ער האט גארנישט געשפירט.

## בין איך דען א מלאך?

**כידוע**, האט דער הייליגער דברי חיים זצ"ל געליטן פון א קראנקהייט אויף א פוס, און יעדעס מאל וואס ער האט אויסגעטון די זאקן איז גערונען דערפון אייטער און בלוט רח"ל. מען האט אים נישט געקענט אויסהיילן, ווייל ער פלעגט שטענדיג בשעת'ן דאווענען שטארק קלאפן אויף דער ערד מיט'ן שמערצליכן פוס.

דער דאקטער האט געזאגט אז דער איינציגער וועג אים צו היילן איז, אז ער זאל במשך פון פיר-פינף וואכן נישט קלאפן מיט'ן פוס. איז די רביצין פונעם צאנזער ז"ע רב געפארן צום ראדאשיצער רבי'ן און געבעטן אז ער זאל פועל'ן ביי זיין תלמיד, איר גרויסן מאן, אז ער זאל נישט קלאפן מיט יענעם פוס. דער ראדאשיצער האט אים טאקע געזאגט דערוועגן, און דער צאנזער רב האט צוגעזאגט אז ער וועט פרובירן זיך אפהאלטן דערפון.

דאס האט אנגעהאלטן ביז'ן אנדערן מאל וואס דער צאנזער רב האט זיך געשטעלט דאווענען, ווען ער האט באלד ווידער גענומען האקן מיט'ן פוס. ווען דער ראדאשיצער האט געהערט דערפון, האט ער אים פארגעהאלטן דערויף. האט דער הייליגער צאנזער רב געענטפערט: "צי בין איך דען א מלאך, אז איך זאל קענען שפירן בשעת'ן דאווענען מיט וועלכן פוס איך קלאפ?..."

## בבית אלוקים נהלך...

**אין** "דרכי חיים" ווערט געברענגט, אז צוליב די גרויסע יסורים וואס דער צאנזער רב האט געהאט אויף די פיס, איז אים געווען אוממעגליך צו גיין אליין, און צוויי משמשים האבן אים געדארפט אונטערהאלטן און פירן. אבער ווי-נאר דער צאנזער רב איז אנגעקומען צום בית המדרש, האט ער געגעבן א שטופ אוועק די צוויי משמשים און אנגעהויבן גיין אויף די פיס ווי א געזונטער מענטש.

מרן בעל
דברי חיים
מצאנז
זיעועכי"א
יומדה"ל
כ"ה ניסן

## "אשר יצר"

**אמאל** איז הרה"ק ר' דוד שלמה מלעלוב זי"ע געווען ביים צאנזער רב אויף יום טוב, און ווען ער איז אהיימגעקומען האט מען אים געפרעגט וואס ער האט זיך אויסגעלערנט דארט, האט ער געענטפערט, "איך האב זיך אויסגעלערנט אז 'אשר יצר' איז אויך א חשוב'ע און וויכטיגע ברכה."

האט ער דערציילט, אז נאך שמונה עשרה איז דער צאנזער רב אמאל ארויס פון בית המדרש אויף א פאר מינוט, און דערנאך איז ער צוריק אריינגעקומען אין בית המדרש צו הללף און מיט א התלהבות דקדושה האט ער אנגעהויבן זאגן הויך די ברכה 'ברוך אתה ה'...', און איך בין געווען זיכער אז ער וועט זאגן הלל. דערווייל האט ער אנגעהויבן ער זאגט די ברכה "אשר יצר" מיט אזא שטארקן ברען ווי ער וואלט געזאגט הלל.

ווען דער נאסוד'ער רב זי"ע איז דאס ערשטע מאל געווען אין צאנז, און האט געהערט ווי דער צדיק זאגט אשר יצר, האט ער געזאגט אז עס האט זיך געלוינט דער גאנצער וועג, מיט אלע געלטער און די טירחא, בלויז צו הערן דעם איינעם "אשר יצר!

## דאס דאווענען איז מחזיר בתשובה

**עס** דערציילט כ"ק מרן אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א א מעשה נורא וואס ער האט פערזענליך געהערט פון בעל העובדא – מיר זענען דאס מעתיק מיטן לשון וויאזוי דער רבי שליט"א האט דאס דערציילט:

נאך דער מלחמה זענען מיר צוריק געקומען פון רוסלאנד און מיר האבן געוואוינט א שטיקל צייט אין ברעסלוי, דאס איז א שטאט אין פוילן. די מאמע ע"ה האט מיך גענומען צו א אויגן דאקטער, וואס האט געהייסן דאקטער קאהן. ער איז געווען א גרויסע דאקטער. דער דאקטער האט געהאט דארטן אן אלטן טאטן וואס איז אויך געווען אמאל א דאקטער. עס זענען געווען דעמאלט אסאך מענטשן וואס האבן געווארט דארט אינדרויסן. אינמיטן איז אנגעקומען די צייט פון מנחה, דער אלטער דאקטער קאהן איז פארדעם ארומגעגאנגען אזוי אין הוילן קאפ, אבער ווען ס'איז געקומען די צייט פון מנחה האט ער זיך אנגעטועו א קאפל און גענומען א סידור און זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

אונז האמיר געקוקט עפעס אזוי פארוואונדערט, אזא בילד האב איך נאך נישט געזעהן, דאס אז שוואכע אידן קומען צו מזכיר נשמות אדער כפרות שלאגן האב איך שוין געזעהן, אבער אין שטוב דארט ביי זעך זיך שטעלן דאווענען האט אויסגעזען זייער אינטערסאנט. נאכדעם וואס ער האט זיך אויסגעריקט שמו"ע און געזעהן אז מיר קוקן אזוי פארוואונדערט אויף אים, האט ער פארציילט פון וואו דאס נעמט זיך צו אים.

נעבן קראקא איז דא א גרויסע שטאט 'קאטאוויץ'. קראקא איז דאך געווען א שטאט פון תורה מיט חסידות, און קאטאוויץ איז געווען פונקט די היפך, א משכיל'ישע שטאט. דער אלטער דאקטער האט געשטאמט פון קאטאוויץ. האט ער געזאגט אז דער פאטער זיינע האט זיך אויפגעפירט ל"ע ווי א גוי גמור – דער זיידע געדענק איך שוין נישט וואס ער האט געזאגט, צו ער האט יא געפאסט יוה"כ אדער נישט געפאסט, כ'מיין ער האט געזאגט אז דער זיידע האט יא געפאסט.

וויבאלד דער פאטער איז געווען א סוחר, פלעגט ער פארן קיין לייפציג און קיין דאנציג, ווען איז אלט געווארן 21 יאר, דער אלטער דאקטער, האט דער פאטער געוואלט ער זאל זיך אביסל אויסקענען אין עולם המסחר, האט ער אים מיטגענומען.

האט ער אונז געזאגט: "מן הסתם האט עטס דאך געהערט אז אין יענע צייט איז געווען דער 'וואונדער ראבינער' אין צאנז" – אזוי האט ער דערציילט – "ווייל אזוי האט ער געהערט פון די גוים", דער פאטער האט זיך גע'חבר'ט מיט גוים, מיט פריצים, און זיי האבן גערעדט עפעס מיט אזא התפעלות פון דעם 'צאנזער ראבינער', איז ער, דער פאטער, געווען נייגעריג אים צו זעהן, האבן זיי געמאכט אזוי דעם וועג דורך צאנז, און זיי האבן געהאט בערך צוויי שעה צו ווילן אין צאנז ביז זיי זענען געפארן ווייטער מיטן באן.

האט ער געזאגט: ס'איז געווען דעמאלס האלב צוועלף דאכט זיך מיר, און זיי האבן נאר געוואלט זעהן דעם צאנזער רב, איז קודם האבן זיי זיך געדרייט אין די גאסן און זיי האבן געזעהן מענטשן לויפן מיט נאסע פיאות, האבן זיי געפרעגט, וואו לויפט מען, און וואו זעהט מען דעם רבי'ן? האט מען זיי געענטפערט אז מ'גייט דאווענען יעצט, און אז א גאנץ יאר האט ער א ביהמ"ד ביי זעך אינדרעהיים, אבער עס איז געווען דעמאלס חודש אלול, און אין

דעם חודש דאווענט ער אין שטאטישן ביהמ"ד. זענען זיי אהין געגאנגען, דער צאנזער רב איז שוין דארט געווען, ער האט שוין געהאלטן אינמיטן דאווענען.

ביז אהער האט ער פארציילט אזוי כדבר איש אל רעהו, ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער אז זיי זענען אנגעקומען און זיי האבן געזעהן דעם צאנזער רב דאווענען, איז דער אלטער דאקטער געווארן רויט ווי פייער, און ס'האט זיך אנגעהויבן צו גיסן טרערן פון אים, און ער האט געזאגט: "**וואס זאל איך ענק זאגן ווי אזוי ער האט געדאווענט, ער האט געהאט א קראנקן פיס, דאכט זיך מיר דער לינקע**" [איך זאג דאס לשון ווי ער האט פארציילט. עס איז געווען די לינקע פיס טאקע], "**יעדעס מאל וואס ער האט געגעבן א האק מיט דעם פיס האט דער גאנצער שוהל אנגעהויבן צו ציטערן, נישט קיין גוזמא. דער שוהל האט געציטערט ביי יעדן קלאפ וואס ער האט געגעבן מיט דעם קראנקן פיס! מיר זענען אזוי צורידערט געווארן** - דער פאטער און ער - **אז מ'האמיר נישט געוויסט אין וועלכע וועלט מיר געפינען זיך, ביז ער האט גענדיגט דאס דאווענען.**

נאכדעם ווען דער צאנזער רב האט גענדיגט דאס דאווענען האבן מיר זיך געכאפט אז מיר מוזן לויפן כדי נישט צו פארשפעטיגן די באן קיין דאנציג - אדער לייפציג - האט דער פאטער מיר אנגעכאפט ביי די האנט און מ'האמיר אנגעהויבן צו לויפן".

נאכדעם האט ער געזאגט: אז דער פאטער איז אויכעט געווארן זייער צורידערט פון דעם דאווענען, אבער ער איז שוין געווען אן אלטער מענטש, וואס ס'איז שווער אויף דער עלטער זיך צו טוישן דאס גאנצע לעבן, איז ער געבליבן אזוי. אבער ער דער זון איז געווען א אינגל פון 21 יאר, עס האט אים נישט געלאזט קיין מנוחה. האט ער אויפגעזוכט עפעס א רב, און ער האט געבעטן דעם רב ער זאל אים זאגן אפאר זאכן איבער אידישקייט. ווייל היות ער וויל באלאנגען צו דעם פאלק פון צאנזער רב, וויל ער וויסן וואס ער זאל טוהן. האט יענער רב אים געזאגט עטליכע זאכן, עסן כשר'ס, לייגן תפילין, און שמירת שבת.

דער פאטער האט אים שפעטער געשיקט שטודירן קיין בערלין צווישן גוים ער זאל זיין א דאקטער ס'האט קיינער נישט געמאנט פון אים קיין אידישקייט, און ס'איז אים זייער שווער געווען דאס כשרות און שבת, נישט צו טון קיין שום מלאכה, און אזוי ווי קיינער האט נישט געמאנט, און קיינער האט נישט געוואוסט גארנישט וואס ער טוט יא, וואס ער טוט נישט, איז וויפיל מאל שוין וואס ער האט געקלערט אז ער קען נישט און וויל עס אויפגעבן, **אבער יעדעס מאל קומט אים דאס בילד פאר די אויגן. ער זעט דעם צאנזער רב'ס דאוונען, און ער קען נישט נאכלאזן.**

**ס'איז שוין זיבעציג יאר פון דער מעשה,**" האט ער דערציילט, "**און כ'האב נאכנישט עובר געווען אויף קיין איינס פון די זאכן וואס יענער רב האט מיר געזאגט.**"

דאס אלעס איז געווארן אן קיין מוסר, און ער האט גארנישט געלערנט, נאר איינמאל געזעהן דעם צאנזער רב דאווענען! **מ'האט נישט קיין השגה וואס דאס מיינט!**

## - זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל! -

(מקורות: מקור חיים, באור החיים, בוני צאנז, הילולא צדיקיא, זכרונם לברכה)

## המאך משבחים ואומרים

אין די צייט פערזענליכע נסים. נאר דער מענטש אליין ווייסט נישט אלעמאל דערוועגן, ווי חז"ל זאגן, "אין בעל הנס מכיר בנסו". דערפאר זאגן מיר "הודו" און מיר דאנקען דעם אויבערשטן אויף די אלע נסים וואס ער האט געטון מיט אונז דורכאויס די גאנצע וואך.

### די פיר מצבים אין רוחניות'דיגן זין

אין ספה"ק "מאור עינים" (פרשת בשלח) און אין נאך ספרים הקדושים ווערט ערקלערט, אז עס איז דא אויך א העכערער רוחניות'דיגער ענין צו זאגן "הודו" ערב שבת, וויבאלד די גאנצע וואך איז מען פארנומען מיט פרנסה און אנדערע טירדות, און מען גייט דורך די פיר אויסגערעכנטע מצבים אין רוחניות'דיגן זין: "**תָעוּ בַמִּדְבָּר**" - מען איז פארבלאנדזשעט אין ווייטע געפילן און מחשבות, און מען קען נישט דאווענען און לערנען ווי עס דארף צו זיין; "**יוֹשְׁבֵי חֹשֶׁךְ**" - דער שכל איז פארטונקלט, און מען זעט נישט דעם אור ה'; "**כָּל אֹכֶל תְּתַעֵב**" - מען פילט נישט קיין טעם און געשמאק אין עבודת ה', אזוי ווי א קראנקער וואס עסט און פילט נישט קיין טעם אינעם עסן; "**יוֹרְדֵי הַיָּם**" - מען איז איינגעזונקען אין גשמיות'דיגע ענינים.

> **"ווייל עס איז נישטא קיין איד וואס איז אריבער די זעקס טעג פון וואך און ער זאל נישט האבן מיטגעלעבט אין די צייט פערזענליכע נסים"**

ווען עס קומט אבער אן דער לעכטיגע שבת קודש, וועקט זיך אויף אין יעדן אידישן הארץ א שטארקער חשק און ווארעמע געפיל צו זיין נאנט צום אויבערשטן, "ויצעקו אל ה' בצר להם", און דעמאלס איז דער אויבערשטער משפיע זיינע גרויסע חסדים. דאנקט מען דעם אויבערשטן "יודו לה' חסדו", וואס ער האט אונז געגעבן אזא טייערע מתנה ווי שבת קודש.

### די הייליגע עבודה פונעם צדיק יעדע וואך ביים זאגן הודו

חסידים וועלכע האבן זוכה געווען צו זיין ביים הייליגן "חקל יצחק" פון ספינקא זצ"ל פלעגן אלס פארציילן מיט גאר א גרויס התרגשות און בענקשאפט די הייליגע עבודה פונעם רבי'ן ביים זאגן "הודו". טיילמאל האט דער רבי נישט געקענט איינהאלטן זיין גרויס התלהבות ביז'ן אנקומען צו זיין ארט, און תיכף ביים אריינקומען, שטייענדיג נאך ביי דער טיר פון בית המדרש, האט ער אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע קאכעניש און ברען "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו".

הרה"ק רבי יהודה'לע פון דזשיקוב זצ"ל האט אמאל געוויילט דורכאויס די וואך אין ספינקא ביים הייליגן חקל יצחק. ווען עס איז געקומען ערב שבת צו מנחה און ער האט געהערט און געזען זיין גרויסע עבודה ביים זאגן "הודו", האט ער שפעטער געזאגט: "דאס איז נישט געווען א 'הודו' וואס דער צדיק האט אנגעהויבן זאגן ערב שבת, נאר די הכנה דערצו איז שוין געווען אן עבודה במשך פון דער גאנצער וואך, און מיט אט אזא הכנה האט ער דערנאך געקענט פאראַרבעטן אזא הייליגע עבודה ביים זאגן 'הודו'מערב שבת קודש."

## דער סוד פון גוטע קינדער וואס דאווענען פיין..

**לכבוד** מערכת "נקדישך".

איך האב געזען דעם גליון נקדישך, אינעם קאָלום 'נוראתיו שיחו'. איך האב זייער שטארק הנאה געהאט ווי מ'האט ארומגערעדט פון דעם ענין פון ברענגען קינדער אין שול, אז זיי זאלן דאווענען און דער גרעסטער חינוך פאר די קינדער איז צו זען אז דער טאטע דאווענט!

ס'איז געווען זייער שיין אראפגעלייגט. אז איך האָב אַזוי הנאה געהאט, וויל איך פשוט צולייגן א שיינע נקודה דערצו.

איך האב אמאל געהערט נאכזאגן פון אן ערליכער איד, א מחנך, וואס זיינע קינדער האבן זייער פיין גדאווענט און מענטשן האבן געפרעגט וויאזוי ער טוט דאס? האט ער מסביר געווען, אז ער האט קיינמאל נישט געברענגט זיינע קינדער אין שול ווען זיי זענען נאך קליין און קענען נאכנישט דאווענען!

פארוואס? ווייל געווענליך טאמער ברענגט מען זיי ווען זיי קענען נאכנישט דאווענען עסן זיי סנעקס און שפילן. ס'גייט זיי אריין עפעס אין קאפ אזא דערהער, אז א שול איז א פלאץ צו פארברענגען און הנאה האָבן. ער, ווידעראום, האט דאס קיינמאל נישט געטון. ער האט זיי נאר געברענגט ווען זיי זענען שוין געווען ראוי צו דאווענען און זיי האבן פארשטאנען אז אין ביהמ"ד קומט מען נאר צו דאווענען; ס'איז נישטא עפעס אנדערש צו טון!

די מענטשן וואס ברענגען זייער קינדער ווען זיי זענען נאך קליין און קענען נישט דאווענען, ווערן זיי צוגעוואוינט אז אין ביהמ"ד שפילט מען. אין ביהמ"ד לויפט מען. און שפעטער דארף מען טוישן פון שפילן אויף דאווענען מיט אַן ערנסטקייט. איז דאס שוין אביסל שווערער.

דעריבער איז כדאי, אז אויב א מענטש קען צו ברענגען די קינדער נאר נאכדעם וואס זיי זענען שוין ראוי צו דאווענען, איז דאס לכאורה א גרינגערע וועג אז קינדער זאלן אריינעמען אין קאפ דאָס חשיבות פון דאווענען און דאָס ערנסטקייט פון א בית ה'.

עס איז דא וואס ניצן דעם תירוץ, אז מען ארויסהעלפן אין שטוב. די מאמעס זענען אויסגעמוטשעט און דארפן א שטיקל "ברעיק". דארף מען וויסן, אַז די תורה הק' האט אַזוי איינגעטיילט די אויפגאבעס. אז פאר די מאמעס וואס זענען פטור פון מצות עשה שהזמן גרמא ווייל די טאטעס דארפן טון די מצוות, געפאַלט אויס זיך אָפצוגעבן מיט די קלענערע קינדער וואס קענען נאכנישט טון די מצוות. דאָס איז וויאזוי ס'ארבעט. און ווען זיי ווערן עלטער, וועט דער טאַטע אי"ה זיי נעמען אין ביהמ"ד!

אויב איז דא אמאל פעלער וואס ס'איז ממש שווער פאר די מאמע צו בלייבן אליין מיט אַ קינד, דאַרף מען לכאורה איבערשמועסן מיט א דיין צי על פי הלכה זאל דער טאטע ליבערשט בלייבן אינדערהיים און דאווענען ביחידות, ווי איידער ברענגען א קינד אין ביהמ"ד וואס וועט אים - און אַנדערע - שטערן דאס דאווענען.

זאָל דאָס דינען אַלס אַ התעוררות פאר אנדערע, והי' זה שכרי.

חזקו ואמצו, הצלחה רבה כל טוב.

**ש. י. ר. - מאנסי יצ"ו**

## וואָס האָט דער נייטרא רבֿ זצוק"ל געבעטן רגעים בעפאר זיין פטירה?

**טייערע** מוציאים לאור פון "נקדישך"!

איר זענט מיך ממש מחי' יעדע וואָך. אזויפיל תוכן. אזויפיל הערליכע ענינים. אזויפיל חיזוק. אזויפיל הערליכע מראי מקומות, אלעס ארום עבודת התפלה וקדושתה.

איך וויל אייך דאָ אַריינשיקן א העתק פון א הקדמה צום "הגדה של פסח נאות דשא" פון הגה"ק דער נייטרא רב זצוק"ל, וואָס דאָרט אין די הקדמה שרייבט זיין זון הגה"צ בעל משאת משה מנייטרא זצוק"ל גאָר פחד'דיגע ווערטער וואָס ער האָט געהערט אַליין אין די לעצטע מינוטן ביי זיין הייליגן פאטער.

שרייבט ער דאָרט ווי פאָלגענד.

ומצוה עלי, בגזירה מפי כ"ק אאמו"ר רבינו הקדוש זי"ע, להגיד בזה דבר לתלמידיו.

כי במצבו הנורא והאיום, ביערות באנסקא ביסטריצא, אמר לי רבינו זי"ע לפני הסתלקותו, בט' אדר תש"ה, בתורת צוואה בתוך שאר דברים בזה הלשון:

**אמור לבני ולתלמידי, אשר ישארו בחיים, כי הנני מבקש מאתם שיקבעו עתים לתורה ושיתפללו במנין, ויזהרו מאוד שלא לשיח שום שיחה בשעת ההתפלה ולא בחזרת הש"ץ ולא בשעת קריאת התורה, ויזהירו את הסביבה שלהם על כך.**

אחר כך אמר רבינו את הוידוי בעינים זולגות דמע, ונסתלק מתוך פסוקי יחוד.

כל כך גדול וחזק ואמיץ הי' רצונו של רבינו זי"ע, שיתפללו תלמידיו כדת וכראוי, עד שאפילו במצב כזה, בשעה כזו, זאת היתה בקשתו הקשורה בנפשו הטהורה ביותר. ע"כ

אין אידיש:

ס'איז אַ מצוה אויף מיר, ווייל איך בין באפוילן געווארן בגזירה פון הייליגן מויל פון מיין הייליגן טאַטן רבינו הקדוש זי"ע איבערצוגעבן זיין "צוואה" פאר זיינע תלמידים.

ווען זיין מצב איז נורא ואיום, אין די וועלדער 'באנסקא ביסטריצא', האט מיך רבינו זי"ע געזאגט פאר זיין הסתלקות, ט' אדר תש"ה, בתורת צואה צווישן אנדערע, האט ער געזאגט די לשון:

**זאלסט זאגן פאר מיינע קינדער און פאר מיינע תלמידים וואס וועלן בלייבן לעבן, אז איך בעט פון זיי אז זיי זאלן קובע זיין עתים לתורה, און אז זיי זאלן דאווענען מיט מנין, און זיין זייער געווארנט נישט צו רעדן קיין ווארט אינמיטן דאווענען און נישט אינמיטן הויעך שמו"ע און נישט בשעת קריאת התורה, און זיי זאלן אויך אנווארענען זייער סביבה אויף דעם.**

און נאכדעם האט רבינו געזאגט וידוי בשעת וואס טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, און ער איז נסתלק געווארן בשעתן זאגן פסוקי יחוד.

אזוי גרויס און שטארק איז געווען זיין רצון אז זיינע תלמידים זאלן דאווענען כדת וכראוי, אז אפילו אין אזא מצב, און אין אזא צייט, איז דאס געווען די בקשה וואס איז אים געגאנגען בנפשו הטהור, ע"כ.

די ווערטער רייסן ביים הארץ, זעענדיג ווי אזא גאון וקדוש, א צדיק וואס האט מעמיד געווען טויזנטער תלמידים, שטייענדיג מינוטן פאַר זיין פטירה לחיי העולם הבא אוועקפאלנדיג פון די צרות הנוראות, האט ער אינזינען געהאט די הייליגע נקודה אַז מ'זאָל נישט רעדן ביים דאַווענען, און מ'זאָל מזהיר זיין אידישע קינדער דערוועגן!

זאָל זיין זכות מגין זיין אויף אונז אַלע, מיט אַלע גוטע השפעות טובות, אמן.

(-)

## דער עלטערער איד האָט געהערט דעם מעסעדזש און זאָגט: איך האָב דיך געפאָלגט!

**לכבוד** מערכת החשוב של גליון "נקדישך" וראשי מפעל הקדוש "קרן תוספות יום טוב".

איך האב געוואלט דערציילן א פערזענליכע מעשה וואס איך האב אליין מיטגעהאלטן, בשעת ווען איך האב געהאט די זכיי אַדורכצופירן א קאמפיין אין מיין ביהמ"ד.

ס'איז געווען איין איד ביי אונז אין שוהל, א זעכציג יעריגער איד, אן איש מכובד, און ער האט מיר געזאגט אז איין קבלה וואס ער קען נישט נעמען אויף זיך איז, דאָס נישט רעדן בין גברא לגברא, ווייל ס'נעמט לאנג און ער זאגט דעמאָלט תורה פאר זיינע שכנים.

איך האָב אים פרובירט מסביר זיין דאָס שיינקייט פון נעמען אזא קבלה בשלימות, האָט ער געזאָגט: "איך וויל נישט הערן דערפון, ס'איז מיר נישט נוגע און פארטיג!"

למעשה איז אבער אויסגעקומען, ס'איז דא א איד ביי אונז אין ק"ק סקווירא, וואס שיקט ארום "וואויס מעיל קאָלס" איבער פאַרשידענע ענינים און דברי חיזוק. איין טאג האט ער דערציילט א מעשה פון כ"ק מרן אדמו"ר מסקווירא זצוק"ל, וואס איז געווען ממש, ווי מ'זאָגט, "נוגע לענינינו".

די מעשה איז געווען, אז דער סקווערער רבי זצוק"ל האט אמאל געזען ווי א חשוב'ער איד רעדט בין גברא לגברא, האט ער אים אפיר געהאלטן "היתכן". האט יענער זיך פרובירט פאַרענטפערן, אז ס'איז געווען אן איש מכובד וואס האָט גערעדט צו אים האט ער אים נישט געקענט אפזאגן... דער רבי האָט עס אָבער נישט געוואָלט אָננעמען און געזאָגט: "דעמאָלט ווייזט מען אים די שו"ע"! (או"ח סי' קמ"ב, כיון שהתחיל הקורא לקרות בספר תורה אסור לספר אפילו בדברי תורה, אפילו בין גברא לגברא)

ווי נאר איך האב באקומען דעם מעסידזש, האב איך געטראכט צו מיר: "לאמיך דאס שיקן פאר דעם איד, זאל ער דאס הערן!"

נאכ'ן שיקן פאַר יענעם איד האב איך זיך איבערגעטראכט, אז איך ווייס נישט צי איך האָב עס טאַקע געדאַרפט שיקן, ווייל ס'זענען דא למעשה פוקים וואס האבן אנגענומען אנדערש די הלכה, און זענען

מתיר צו רעדן ׳דברי תורה׳ אין פאל אז מען איז מאריך בין גברא לגברא מיט מי שברך׳ס. האב איך אביסל חרטה געהאט אויף דעם, אַז איך לויף יענעם נאָך פאַר אַזאַ זאַך וואָס בעצם קען מען אָננעמען אַ צווייטע וועג דערין.

אבער געטון איז דאָך געטון, און אַז דער רבוש״ע האָט מיר אַזוי מזמין געווען דאָס צו באַקומען און שיקן ווייטער, האָב איך געטראַכט אַז דעמאָלט האָט עס אַזוי געדאַרפט זיין, און האָפנטליך וועט דערפון אַרויסקומען אַ תועלת.

למעשה האלט מען שוין כמעט א האַלב יאר נאכדעם, און דער איד קומט צו מיר און זאָגט מיר: "וואס זאל איך דיר זאגן? איך האב דיר געפאלגט! די מעשה האָט מיך זייער מעורר געווען, און איך רעד נישט מער בשעת קריאת התורה – נישט קיין חילוק ווילאנג ס׳נעמט!"

ס׳איז ביי מיר געווען א מורא׳דיגער מוסר השכל. ווייל אסאך מאל טראכט מען: דאָס איז דאָך אַ מענטש וואָס איז שוין איינגעוואוינט צו אַזאַ מהלך אַזויפיל יאָרן. לאז אים גיין. ער איז שוין עלטער פון דיר, מער מכובד פון דיר, וואס דארפסטו זיך אריינלייגן אין דעם?

אָבער למעשה זעט מען אַז ס׳נישטאָ אַזאַ זאַך. אַז מ׳מיינט עס ערנסט, אָן קיין אַגענדע, נאָר דעם כבוד שמים, דעמאָלט איז ישראל קדושים, אידן ווילן הערן און זיך פארבעסערן, און זיך הייבן אין קדושת התפלה.

זאָל דער רבוש״ע העלפן, ס׳זאל שוין זיין "השקיפה ממעון קדשך מן השמים", קוק אראפ פון הימל, זע הייליגער טאטע ווי יונג און אַלט זענען חפצים לעשות רצונך, וכולם מקבלים עליהם באהבה לעשות נחת רוח להבוי״ת, און אין דעם זכות זאָלן מיר אַלע זוכה זיין צו אַלע גוטע השפעות טובות, ברכה והצלחה, אמן!

**נ. וו. - מאנסי יצ״ו**

## ברענגען קינדער אין שול... אַ קידוש ה׳ אדער פארקערט?..

**אל** כבוד המערכת החשוב גליון "נקדישך".

איך וויל דאָ צולייגן בנוגע די נושא פון ברענגען קינדער אין ביהמ״ד, וואס אינעם ׳נוראותיו שיחו׳ קאלום די פארגאנגענע וואך האט הרב ב. צ. הירש געהאט דערוועגן זייער אַ שיינער שמועס, מיט גוטע געדאַנקען פון וואָס כ׳האָב הנאה געהאַט.

וויל איך דאָ מעתיק זיין דעם הייליגן לשון פון של״ה הקדוש (מסכת תמיד נר מצווה עו,) וואָס שרייבט פחד׳דיגע ווערטער מיט זייער אַ קלאָרע הדרכה איבער די נושא פון ברענגען קינדער אין ביהמ״ד.

שרייבט דאָרט דער של״ה הק׳ אַזוי:

**"כתב רבנו מנחם די לונזאנו ז״ל בספרו דרך החיים** (דף ע.) **וזה לשונו: בזמן הזה יש טף בא לבית הכנסת לתת עונש למביאיהן, לפי שהוא בא לחלל קדושת בית אלוקינו ולשחוק בו כברחובות קריה, יקומו לצחק זה עם זה, זה מצחק עם זה, וזה מכה את זה, זה מרנן וזה בוכה, זה מדבר וזה צועק, זה רץ ילך וזה רץ אילך, רץ לקראת רץ ירוץ. ויש אשר יעשה צרכיו בבית הכנסת, ואז יאמרו ׳מים מים׳. ויש אשר ייתן אביו בידו ספר והוא ישליכו לארץ או יקרענו לשנים עשר קרעים.**

**סוף דבר, מקול שטותם כוונת המתפללים נפסדת, ונמצא שם שמים מתחלל. והמביא טף בזה האופן לבית הכנסת אין ראוי לו לקוות על זה שכר, כי אם לדאוג מן הפורענות.**

**הא למה הוא דומה לאיש שיש לו עבד שוטה, והלך לדבר אל המלך ועבדו עמו, עמד עבד בשטותו וביזה את המלך וחרפו, ואדוניו ראה ושתק. הלא יקצוף המלך על אדוני העבד, ויאמר לו: לא עבדך ביזני כי אם אתה, וייסרהו כדי רשעתו, ולעבד לא יעשה דבר, אין לעבד חטא, כי חשכו אלוקים חכמה ולא חלק לו בינה. והנה כן הדבר הזה. ולא עוד אלא שלפעמים גם האבות משחקים עמם למען ספות הרווה את הצמאה.**

**והיותר רע כי יגדלו הנערים על זה המנהג הרע והתכונה הזרה וכל אשר יגדלו עוד יוסיפו סרה להבזות בעיניהם עניין בית הכנסת וקדושתו ולא יתנו כבוד לתורה, וכיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו, גם כי יזקין, ממנה לא יסור.**

**סוף דבר, ראוי לאדם שלא להביא הטף הקטן מאד לבית הכנסת, כי יפסיד בהביאו ולא ירויח. אך הטף הגדול קצת, יביאנו לבית הכנסת, ולא יניחנו לזוז ממקומו, וילמדהו ויזרזהו לענות אמן וקדיש וקדושה, ולא ינחוהו לדבר דברי הבאי, וילמדהו לשבת שם באימה וביראה. ובזה יהיה לו שכר טוב מאת השם יתברך.**

אין קורצן זאָגט דער של״ה אַז דאָס ברענגען קינדער אין ביהמ״ד איז פשוט אַ חילול ביהמ״ד, ווייל די קינדער לויפן אַרום ווי ס׳וואָלט געווען אַ הויף. זיי לאַכן אַרום, וויינען און פאַרפירן, רעדן און שרייען, זיי שפילן זיך מיט ספרים אא״וו, און אַזוי אַרום קומט אויס אַז דאָס גאַנצע דאַווענען ווערט געשטערט. און אַז איינער ברענגט אַזוי קינדער אין ביהמ״ד אויף דעם אופן, קען ער נישט ערוואַרטן קיין שכר אויף דעם, נאָר פאַרקערט ח״ו!

ס׳איז זייער פחד׳דיגע פאָרכטיגע ווערטער.

דער גדול הפוסקים, דער הייליגער מגן אברהם אין סימן קכ״ד (ס״ק יא) איז מעתיק דעם פסק פונעם של״ה אז מען זאל נישט ברענגען קיין קליינע קינדער אין ביהמ״ד, און אזוי ווערט אויך געפסקנ׳ט להלכה אין

««

## איין טאָג פאַר׳ן דעדליין....

**אַ** גוטן חשוב׳ע מערכת פונעם "נקדישך", איך וויל אייך איבערגעבן מיין פערזענליכע געשיכטע.

אַלס מיין פרנסה פאַרמאָג איך אַן אינשורענס-בראָוקערעדזש אַגענטור, וואו איך פאַרקויף פאַרשידענע סאָרט אינשורענס פאַר מיינע קליענטן. פון דעם שעפ איך מיין חיונה.

ווער ס׳איז באַהאַוועוונט אין דער אינדוסטריע ווייסט, אַז יעדער אינשורענס-בראוקער דאַרף צו האָבן אַ צענטראַלע אינשורענס אויף זיין אייגענער פירמע. די ספעציעלע אינשורענס הייסט א DNO פאַליסי.

יעצט אויב מאַכט זיך, ח״ו, אַז דער בראָוקער מאַכט אַ טעות, און ס׳קומט אַרויף אַ קלעים אָדער צוויי אויף זיין רעקארד, ווערט דאָס זייער קאָמפליצירט. ס׳איז זייער אַ האַקעלע נושא, און די גרויסע אינשורענס פירמעס וועלן זיך אַרויסדרייען פון ווען געבן אינשורענס נאָך וואָס זיי זעען אַז ס׳איז עטליכע מאָל אויסגעניצט געוואָרן.

אויב ח״ו ווערט מען צוריקגעוויזן פון באַקומען אַזאַ פאַליסי, קען מען לעגאַל נישט בלייבן אין די ביזנעס, און מ׳ווערט ח״ו אויטאָמאַטיש אַרויסגעפאַלן פון דער אינדוסטריע, ווייל אַנדערש טאָר מען נישט געזעצליך פאַרקויפן אינשורענס.

למעשה, האָב איך זיך געטראָפן אין אַזאַ סיטואַציע, אַ זייער נישט-באַ׳טעמ׳טער מצב. אינמיטן היי-יאָר האָט מיין אַלטע אינשורענס פירמע מיך איינגעמאָלדן אַז זיי זענען אויסן מיך אַראָפצוואוואַרפן פון זייער אינשורענס!

איך בין געוואָרן זייער באַזאָרגט. אָן קיין אינשורענס פאַליסי קען מען נישט פונקציאָנירן קיין איין רגע אין די ביזנעס. און וואָס וועט דאָ זיין?! כ׳האָב פרובירט זיך איינצובעטן, אויסניצן מיינע קאָנטאַקטן, אָבער נישט געזען קיין סוף.

איך האָב פרובירט צוויי באַזונדערע מהלכים, מיט אַזעלכע וואָס האָבן שטאַרקע קאָנטאַקטן אין די אינשורענס פירמעס, אָבער קיינער האט נישט געקענט באַווייזן דעם קונץ און זיי צוריקברענגען צום טיש מיר צו ווען געבן דעקונג.

איך בין געווען זייער פאַרלוירן, און אַריינגעטראַכט וואָס אַ דבר טוב איך קען טון אַז ס׳זאָל זיין לזכות.

האב איך זיך פאָרגענומען אַ קבלה טובה, אַז פאר פערציג טעג אין אַ צי וועל איך נישט רעדן ביים דאווענען! יעבור עלי מה! דאָס איז די ריכטיגע זאַך צו טון. עס איז נישט קיין כבוד המקום וכבוד בית ה׳ צו רעדן בשעת התפלה, און איך גיי זיין אי״ה נזהר דערינען!

כ׳וויל אייך זאָגן, אַז וואָס כ׳האָב דאָ נאָכדעם מיטגעלעבט איז פשוט געווען וואונדער איבער וואונדער; לא יאומן כי יסופר!

דער אויבערשטער האָט מיר עפעס אַריינגעגעבן אין קאָפּ אַריין, אַז כ׳זאָל פרובירן נאָך איינעם מיט גוטע קשרים אַז יענער זאָל אויך פרוואוון זיין מזל און אויסאיבן דרוק אויף די פירמע.

יענער האָט פרובירט, און פונקט איין טאָג פאַר׳ן דעדליין איז אַריינגעקומען אַ רוף: דיין אינשורענס פאַליסי פאַר דיין ביזנעס איז באַשטעטיגט געוואָרן!!!

ס׳איז געווען ממש ישועת ה׳ כהרף עין, ס׳איז אומגלויבליך! איך אליין, און די אַנדערע אַרום מיר, קענען זיך נישט גענוג איבערקומען פון די מעשה נפלא וואָס מיר האָבן מיטגעלעבט.

איך האב זיך אויך פארגענומען אז ווען איך וועל זען די ישועה וועל איך אַריינרופן מיט די מעשה כדי איר זאָלט עס קענען מפרסם זיין אין אייער גליון.

אַלזאָ, לאָז איך אייך דאָ דעם מעסעדזש, ביטע שטעלט עס אַריין אינעם גליון "נקדישך", זאָל עס מעורר זיין אַנדערע אידן צו טון וואָס איז ריכטיג, היטן אויפ׳ן קדושת בית ה׳, און זוכה זיין צו ישועות והשפעות למעלה מדרך הטבע.

## המשך נועם שיח

דער מלמד פרעגט צוריק - נישט וויסנדיג צו וועמען ער רעדט: "און וואס טוסטו?".

"איך וועל דיר זאגן א סוד, איך בין דער צאר פון גאנץ רוסלאנד!".

דער דארפס איד האט נישט פארשטאנען צופיל וואס ס'מיינט א צאר, און וואס ס'מיינט גאנץ רוסלאנד, זאגט ער צוריק: "אה, א שיינע פרנסה...".

מיט זיינע קליינע דארפישע ברילן איז דער גאנצער פאזיציע פון זיין א צאר אין גאנץ רוסלאנד געווען "א גוטע פרנסה".

האט איינע פון די גדולים געזאגט, ס'זענען דא וואס זאגן אז זיך מחזק זיין אין קדושת שבת איז א סגולה פאר פרנסה... זיין צמצום איז בערך ווי יענער מלמד... שבת איז דאך דער מקור הברכה, עס ברענגט דאך אראפ די אלע סארט השפעות מיט אלע ענינים, ס'איז נישט קיין פרט פון פרנסה, כי הוא מקור הברכה ברוחניות ובגשמיות!

לענינינו, ווען א אידן קלערט כ'וועל זיך מחזק זיין אין דאווענען, ס'איז א גוטע סגולה פאר א דירה... אדער פאר א שידוך... אדער פאר א בעסערע פרנסה... איז בערך די זעלבע צמצום ווי דער דארפסמאן. אודאי קען מען דאס אלעס פועל'ן, אבער ס'איז להבדיל ווי דער געהאלט וואס דער צאר פארדינט.... ביים דאווענען באקומען מען אלעס! מ'ווערט נאנט צום באשעפער! מ'שפירט "ואני קרבת אלוקים לי טוב".

חג כשר ושמח!

## המשך זה לזה

משנה ברורה ווי ער ברענגט אראפ דעם של"ה צוויי מאל, איינס אין סימן צ"ח (סע' ב', סק"ג) און א צווייטע מאל אין סימן קכ"ד (סק כ"ח).

על כל פנים, דאַרף מען צו וויסן זייער קלאָר, אַז ברענגען קליינע קינדער אין ביהמ"ד איז נישט קיין "קינדער שפיל". עס איז גארנישט קיין אויסגעהאַלטענע זאַך צו טון, און ס'איז אין קעגנזאַץ צו די הלכה.

אויב מיינט איינער אַז מיט'ן ברענגען די קינדער קליינערהייט געוויינט מען זיי איין צו דאַווענען, דאַרף מען וויסן אַז פונקט פאַרקערט!

מיט דעם וואָס מ'טוט זיי "נישט" ברענגען בשעת ווען זיי קענען נאכנישט דאווענען, וועלן זיי שפעטער אָנקומען אין אַ צייט ווען זיי זענען שוין עלטער, און דעמאָלט וועט מען זיי תיכף אויסלערנען וויאַזוי מ'דאַוונט מיט אַן ערנסטקייט און ערליכקייט, ווייל זיי וועלן וויסן אין פאַרשטיין אַז "אין ביהמ"ד" קומט מען "בלויז צום דאַווענען"!

זאָל דער רבוש"ע העלפן אַז אַלע אידישע קינדער זאָלן דערלעבן אַסאַך לעכטיג אידיש נחת פון זייערע טייערע קינדער, מיט אַלע גוטע השפעות טובות, אמן.

**ח. י. ק. - קרית יואל יצ"ו**







## מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:




**KEREN TOSFES YOM TOV**
670 Myrtle Ave #6449 - Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551 Email: Gilyon@KTYT.org